STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04907

# TRADITSYONELE IDISHKEYT UN MODERNER YUDAYZM

Eliyahu Hutner

*Permanent preservation of this book was made possible by the Morris P. Leibovitz Foundation in memory of Maury Leibovitz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טראַדיציאָנעלע אידישקייט און מאָדערנער יודאַאיזם

נאָך תנ"ך, מדרש, תלמוד, קולטור געשיכטע און היינטיגע צייטען.

ובחקתיהם לא תלכו —
און אין זייערע געזעצען זאָלט
איהר ניט געהן.
(ויקרא י"ח).


ארויסגעגעבען פון

רעוו. אליהו הוטנער

מחבר פון פאָלגענדע ספרים: א) אין וואָס באשטעהט דאָס גליק פון אונזער אידישען פאָלק. ב) משיח בן־דוד. ג) נפילים. ד) התועים. ה) פראַקטפולע רע־דעס. ו) אַנעקדאָטען און פאָלקס־מעשיות, פון אייביגען קוואַל. ז) טראַדיציאָנעלע אידישקייט און מאָדערנער יודאַאיזם.



מאָנטרעאל, קאַנאַדע


**JUDAISM**
**A RELIGIOUS BIBLICAL AND HISTORICAL BOOK**

**PRINTED IN CANADA**

נאָכדרוק פֿאַרבאָטען

# אינהאַלט פאַרצייכעניש


קאַפּיטעל — זייט

הנקמה — — — — — — — — — — 7

יהדות — — — — — — — — — — 10

א) בעלי־העקרים: רב סעדיה גאון,
רבי יהודא הלוי, רמב״ם.
ב) בית ישראל
ג) הנבואָה
ד) אותות הברית
ה) תכלית האָדם
ו) השארת הנפש, שכר ועונש
ז) השקפת החיים
ח) העוה״ז והעוה״ב
ט) אחרית הימים.

ריפורם — — — — — — — — — — —22

דרוש אודות נסים בימים הקדמונים ובזמן הזה — — — 32

דרוש אודות המושלים הקדמונים ובזמן הזה — — — — —43

דרוש אודות משיח בן־דוד — — — — — — — —50

אַ בינטעל אנעקדאָטען און פאָלקס מעשיות — — — —55

1) דעם חפץ חיים׳ס פּאַניצער
2) שבת
3) די ארבע כנפות׳ן
4) דער מלמד
5) היטלער, געבעלס און דער רבי
6) דער שלימזל
7) דער אפּיקורס און דער מגיד
8) דער בעל עגלה, סוחר און רב
9) חזן ראַזומני און דער מיניסטער דורנאָוו
10) דער משפט פון צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער
11) דער בעל־קורא
12) דער פּריזיוו
13) אליל־הזהב
14) דער האָלבער נביא
15) דער משולח און דער בעל־אכסניה
16) דער משולח און זיין שרעק
17) דער עוף און דער רבי־דאָקטאָר
18) חיים געווּיס ניט!
19) דאָס טלית׳ל
20) א שמועס צווישען שעיה׳ן און שמעיה׳ן.

## פאָרוואָרט

דער לויתן — דער קעניג פון די פיש — איז געפערליך קראַנק געוואָרען. האָבען די דאָקטוירים געזאָגט אז מען קען איהם ראַטעווען ווען ער זאָל אויפ־עסען די האַרץ פון אַ פוקס, אָבער ווי כאַפּט מען דעם פוקס?

איינמאָל זיינען די פיש געשוואומען ביים ברעג טייך און דערזעהן אַ פוקס, זאָגען זיי צו איהם: ליבער פוקס, אונזער קעניג, דער לויתן איז געשטאָרבען, ווילען מיר דיר מאַכען פאַר אַ קעניג.

— ווי אזוי קען איך זיין ביי אייך אַ קעניג, איך קאָן דאָך ניט לעבען אין וואסער?

— מיר ווילען דיר געבען א גרויסען פיש, דו וועסט רייטען אויף איהם און ער וועט מיט דיר ארומשווימען איבער יַמִים, טייכען.

— גוט, זאָגט דער פוקס, איך בין מסכים.

ווען די פיש זיינען מיט איהם אָפּגעשוואומען א היבשען שטח, האָבען זיי איהם אויסגעזאָגט דעם סוד, אז מען פירט איהם אויסצושניידען זיין האַרץ פאַר אַ רפואה פאַר זייער קעניג. דער פוקס איז אַ פאַרציטערטער געוואָרען, נאָר שנעל זיך בארוהיגט און זאָגט צו זיי:

— וואָס פאר נאַראָנים איהר זענט, מיין האַרץ האָב איך דאָך געלאָזען אין וואַלד אונטער אַ בוים... פיהרט מיר אָפּ צוריק וועל איך דאָס מיטנעהמען...

די פיש זיינען מיט איהם צוגעשוואומען צום ברעג מיטצונעמען זיין האַרץ.

ווען ער איז ארויסגעשפרונגען אויפ'ן ברעג, האָט ער זיי אינגאנצען אויס־געלאַכט . . .

דער משל פּאַסט זיך צו מיין הקדמה. אזוי ווי די פיש האָבען זיך אָפּגעגאַרט מיט'ן פוקס' האַרץ, אזוי נאַרט זיך אָפּ אַ טייל פון אונזער אידישען פאָלק, וועלכע ווערען פארפירט דורך היינטיגע כיטרע פוקס'ן — מאָדערנע רעפאָרמער; ביי אונז זיינען דאָ צוויי סאָרטען אידען, פרומע און ניט פרומע. די פרומע אידען קענען זיך אפשר ניט אויספיינען מיט זייער גרויסער חכמה שבראש, מיט זייער אויפגעקלערטקייט, מיט זייער פיל־שפּראַכען קענטעניש, אָבער זיי צייכענען זיך אויס אַלס אידען וואָס איז חכם בלב. זיי קענען מאַכען אַ חשבון הנפש. זיי געהן אין פייער און אין פלאַם פאַר אונזער הייליקע אמונה. די ניט פרומע, זיינען א חכם שבראש, אָבער ניט אַ חכם בלב; זיי זיינען געלערענט און שטודירט, קאָנען פילע שפּראַכען, קאָנען גוט מאַטעמאַטיק, קאָנען אַלע חשבונות מאַכען, אָבער דעם חשבון הנפש קומט זיי אָן זעהר שווער . . . די ניט פרומע אידען ווערען באַאיינפלוסט פון די מאָדערנע נביאים מיט זייערע נייע לעהרע, וועלכע האָבען ניט די היסטאָרישע אַספּיראַציע און דעם אידישען בטחון און דעם נאַציאָנאַלען קוראַזש צו לעבען און זיך אויסצולעבען ווי אידען. די מאָדערנע פרעדיגער — טראָבעל מייקערס — זיינען געגליכען צום פוקס, זיי נאַרען אריין אין נעץ א טייל אידען פון אונזער פאָלק מיט זייערע צוקערזיסע רייד, אָבער זייער האַרץ איז צווישען אידען ניטאָ, נאָר די ליפּען ריידען, די האַרץ לאָזען זיי איבער אין וואַלד אונטער א בוים . . .

# הנקמה.

די באַצאָהלונג פון רשע פאַר זיינע שלעכטע מעשים, אָדער דער אָפּרעכענען זיך מיט'ן שונא פאַר אַ בזיון — דאָס איז נקמה. מיר אידען רעכענען זיך פאַר רחמנים בני רחמנים, איז איצט שטעהט אונז פאַר אַ גרויסע פראַגע צי מיר אידען מעגען נעהמען ראַכע—נקמה פון אונזערע בלוטיגע שונאים, צי נישט? דאָס אַלעס וועלען מיר ערקלעהרען: ביי נקמה נעהמען פון אַ מענשען איז פאַראַנען אַ מדה טובה און אַ מדה רעה; אַ נקמה — וואָס קומט אויף אַ רשע אַ שטראָף — איז דאָס אַ מדה טובה. אָבער אַ נקמה — וואָס קומט פון פיינד־שאַפט, קנאה, שנאה פון מענש צו מענש איבער געשעפט און געלט־זאַכען — איז דאָס אַ מדה רעה. למשל, ראובן האָט אַ גרויסען געשעפט אַזוי ווי שמעון און קאָנקורירט איינער דעם צווייטען, דערנאָך האָט זיך אַ דרעה געטאָן דאָס רעדעל אויף צוריק ביי שמעונ'ען און ער האָט פאַרלאָרען זיין קאַפּיטאַל, איז ער געקומען צו ראובנ'ען לייען אַ גמלות־חסד און אין דעם מאָמענט ביי ראובנ'ען ערוועקט זיך ניט אויף קיין שום רחמנות און ער אָנטזאָגט שמעונ'ען — אָט דאָס איז אַ מדה רעה, און אויף דערויף איז מען אונז מזהיר: „לא תקום ולא תטור את בני עמך — זאָלסט קיינע ראַכע געדאַנקען האָבען אָדער האָס טראָגען אויף יעמאַנד פון דיין פאָלק (ויקרא י"ט, י"ח).

עס איז אויך דאָ אַ אונטערשייד צווישען נקימה ונטירה, נקימה — איז בפועל אפילו צו באַצאָהלען שלעכטס פאַר שלעכטס. נטירה — איז אין הארצען — אפילו צו באַצאָהלען גוטס פאַר שלעכטס. חז"ל זיינען מפורש דעם אונטער־שייד: נקימה—ווען איינער זאָגט דעם צווייטען: „איך וועל דיר ניט לייען, אַזוי ווי דו האָסט מיר ניט געליען" — דאָס איז נקימה. נטירה — היטען אַ פיינדשאַפט אין האַרצען און ניט נקמה נעמען און ניט באַצאָלען שלעכטס פאַר שלעכטס; למשל, ער זאָגט: „איך בין ניט אַזוי ווי דו, וואָס דו האָסט מיר ניט געליען" — דאָס איז נטירה. (יומא כ"ג, ע"א).

ווען גאָט באַצאָלט דעם רשע שלעכטס נאָך זיין פאַרדינסט נאָך, ווערט גע־שילדערט אין דער פאָרמע: „אל־קנא" — אַ ראַכע־נעהמעדיגער גאָט — ונאמר כי דם — עבדיו יקום — ווארום ער וועט אויפמאָנען דאָס בלוט פון זיינע קנעכט און וועט ראַכע ברענגען אויף זיינע געגנער. (דברים ל"ב, מ"ג). און אַז אַ מענש נעמט נקמה פון שונאי ישראל וואָס זיי זיינען די שונאים פון גאָט און מענשהייט, איז דאָס דער בעסטער טהאַט, אַ חיוב און אַ מצוה. אַזוי ווי שמשון־הגבור האָט געזאָגט: „ואנקמה נקם — אחת משתי עיני מפלשתים" — אָ, גאָט! ד[illegible] מיר און שטאַרק מיר נאָך דעם מאָל, אָ, אַלמעכטיגער! העלף

מיר איין מאָל ראַכע נעהמען פון פלשתים פאַרביידע אויגען מיינע! (שופטים טז, כ״ח)

אויך דוד המלך האָט אויך גענומען ראַכע פון שונאי־ישראל און דריקט זיך אויס מיט די ווערטער: הנותן נקמות לי — אָט דער גאָט וואָס ערלויבט מיר ראַכענעהמונג ווען ער שטירצט פעלקער אונטער מיר. (תהלים יח, מ״ח). נקמת דם־עבדיך השפוך — זאָל אַנערקענט ווערען ביי די פעלקער די ראַכע פאַר דאָס בלוט פון דיינע קנעכט וואָס איז פאַרגאָסען געוואָרען פאַר אונזערע אויגען. (שם עט, י׳). און ווי א רויטער פאַדים איבער דער גאַנצער אידישער היסטאָריע ציהט זיך דורך די ראַכע פון אונזער פאָלק ישראל צו די שונאי ישראל — שונאי ד׳, צוםביישפיל: דער פרעכטיגער פעריאָד אין היסטאָריע פון די חשמנאים די העלדען—מתתיהו, יהודא המכבי וכ׳, וועלכע האָבען באַזיגט דעם שונא — נקמה גענומען פון זייערע פיינד, וועלכע האָבען געוואָלט אסימילירען דאָס אידישע פאָלק, און די חשמנאים האָבען באַפרייט אונזער לאַנד ארץ ישראל פון די גרעקען. דאָס איז געווען מלחמת ד׳.

אין די צייטען פון בית שני פאַר׳ן חורבן זיינען געגאַנגען די קנאים אין פייער און אין פלאַם פאַר דער פרייהייט פון אונזער לאַנד — די אַנפיהרער פון אויפשטאַנד געגען רוים זיינען געווען די גרויסע אומדערשראָקענע העלדען: יוחנן איש גוש חלב און שמעון בן גיורא, די קנאים האָבען גענומען ראַכע פון די שונאי ישראל, זיי פלעגען אַנפליהען ווי אָדלערס אויף די רוימער און צוטרייבען זייערע מחנות.

נאָכ׳ן חרבן בית שני איז זייער בולט די גרויסע פערזענליכקייט פון גרויסען העלדט בר־כוכבאָ — דער אַנפיהרער פון אויפשטאַנד קעגען רוים — צו וועלכען עס איז צוגעשטאַנען ר׳ עקיבא מיט זיינע טויזענטער תלמידים. בר־כוכבא האָט באַוויזען אַ ריזיגען מעכטיגען כח און נקמה גענומען פון די רוימישע באַרבאַרען.

* * *

און אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי איז היינט, פאַרגיסען אונזערע שונאי־ישראל די באַרבאַר׳ן די נאַציס אונזער בלוט ווי וואַסער, היינט, רבותי, ווי קענען מיר איצט שווייגען, ווען דאָס קול פון דאָס בלוט פון אונזערע קינדער, ברידער, שוועסטער שרייט צו אונז פון דער ערד: נקמה, נקמה! אויפ׳ן שונא טאָר מען ניט האָבען קיין רחמנות! טוידט איהם, באַפעלט גאָט — דער אל־נקמות!

עס איז א „מלחמת מגן״ דאָס הייסט: א פאַרטיידיגונגס קאַמף, דער שרעקליכער שונא און שונא עולם איז אונז באַפאַלען און וויל פאַרכאַפּען און אונטערדריקען די גאַנצע וועלט, אלזאָ איז דאָס א „מלחמת מצוה״, א הייליגער קאַמף. און דער דין איז אַזוי: „במלחמת מצוה הכל יוצאין אפילו חתן מחדרו

וכלה מהופתה׳׳ — אין א פארטיידיגונגס קאמף מוזען אלע געהן, אפילו דער חתן פון זיין צימער און אַ כלה פון אונטער דער חופה. (סוטה מ״ד, עב.).
אַ פאָלק — דייטשלאַנד — איז אויפגעשטאַנען ווי א ווילדע חיה; דאָס פאָלק— איז א חכם להרע און ווערט גערעכענט פאר דערפינדער פון „בליץ־קריג״ און האָט דערמיט שיעור ניט געהאט באַזיגט די וועלט. זייער פאַנצער־דיוויזיעס האָבען דאָן מיט שטורם און אימפעט זיך געטראָגען פון לאַנד צו לאַנד ווי אַ ריזיגער מעכטיגער כח וואָלט זיך פון ערגעץ וואו אָפּגעריסען. איבער די קעפּ פון אומשולדיגע מענשען האָבען געקראַכט אויפרייסענדע באָמבעס, האָט גע־האָגעלט מיט פייער און פארניכטונג. — און זייער ציעל איז געווען צו טרע־פען אין הארץ פון דאָס אידישע פאָלק, מיט איין וואָרט דייטשלאַנד האָט גע־וואָלט להרג ולאבד — פארניכטען רחמל׳צל דאָס אידישע פאָלק ישראל, און עס האָט זיך איינגעגעבען דעם וואָלף צו פארצוקען איבער צוויי מיליאָן צאן קדשים. אין אַזאַ עת צרה האָט די יתר הפליטה פון אונזער פאָלק ישראל צו־נויפגעזאמעלט איהרע כחות, אויפגעשטאַנען ווי א לייב צונויפגעשמאָלצען זיך מיט די פאראייניגטע פעלקער אנטקעגען דעם בלוטיגען שונא. אונזער יוגענד ווארפט זיך אויפ׳ן שונא אויף אלע פראָנטען פון דעם ברייטען ערד־קוגעל און נעהמען ראָכע — נקמה פאר אונזער פאָלק ישראל פאר פרויען, פאר זקנים און קינדער, געשאָכטען אָהן מיטלייד ווי שאָף און ווי רינדער. און זייערע טויטע קערפּערס האָט מען באנוצט פאר מאַטעריאַלען. ווארפען זיך אונזערע יונגע העלדען, ווי אָדלערס, אויפ׳ן שונא ישראל און ער ווערט געטריבען און געיאָגט — דורך די רוסען און רוסישע־אידישע גבורים — פון די קאלטע סטעפּעס פון רוסלאנד און ווערט פארניכטעט אויף אלע פראָנטען, וואו נאָר ער געפינט זיך.

ווי זיס די נקמה, ווי ליעב און ווי טייער!

אזוי זאָלען אונטערגעהן אלע דיינע פיינד — אָ, גאָט! אָבער די וואָס ליעבען איהם זאָלען שטראַהלען ווי די זון ווען זי געהט אויף.

(שופטים ה, ל״א.)

* * *

## המן און היטלער.

היטלער: ווּעמען איז בעסער מיר צו דיר?

המן: מיר איז בעסער פון דיר, איך האָב שוין באקומען מיין לוין . . . ווייל איך האָב נאָר געוואָלט פארגיסען בלוט . . . אָבער דו האָסט געוואָלט און פאר־גאָסען אזויפיל אומזיסט בלוט, וואָס שרייט צו גאָט פון דער ערד . . . וועט אפילו שבעה מדורי גיהנום אויך זיין ווינציג פאַר דיר . . .

# יהדות.

יודענטום נעמט אריין אין זיך דעם גאנצען רייכטום פון גייסטליכע איינשאַ־פונגען פון דאָס אידישע פאָלק, די איבערגעבענהייט פון רעליגיאָן און נאַציאָ־נאַליטעט. דאָס יודענטום געהט דורך ווי אַ רויטער פאָדים איבער אונזער תורה. דער נאָמען יודענטום איז אויך זעהר בולט אין מדרש (ויקרא פ׳ לב׳). בזכות ד׳ דברים נגאלו אבותינו ממצרים:

א) שלא שנו את שמם.
ב) שלא שנו את לשונם.
ג) שלא היתה ביניהם לשון הרע.
ד) שהיו גדורים בעריות.

איבער פיער זאַכען זיינען אויסגעלייזט געוואָרען אונזערע עלטערען פון מצרים:

א) זיי האָבען ניט געענדערט זייערע נעמען, דאָס הייסט מען האָט איהם גערופען „קלמן״ איז ער אזוי פארבליבען, אָבער ניט „קארל״, „יונה״ אָבער ניט „איוואַנס״, בצלאל״ אָבער ניט „טשאַרליס״. זיי האָבען געדינט צו גאָט און געהאלטען זיך ביי אידישקייט.

ב) זיי האָבען גערעדט אויף זייער מאַמע לשון צווישען זיך. געהאלטען זיך ביי זייער יהדות און ניט באַאיינפלוסט געוואָרען דורך פרעמדע קולטורען.

ג) זיי האָבען ניט גערעדט קיין לשון הרע איינער אויף דעם אנדערען, ווארום אויף די זינד פון לשון הרע קומט די שטראָף פון „צרעת״, וואו עס איז שלום און אחדות דאָרט איז מזל וברכה.

ד) זיי האָבען געצאַמט זייערע ליידענשאַפטען, געפירט אַ ריינעם מאָ־ראַלישען לעבען.

דער יהדות איז אויך זעהר בולט אין די צייטען פון די חשמנאים, דאַ־מאָלסט האָבען זיך די מכבים מוסר נפש געווען פאַר אונזער הייליקער אמונה, אין פייער און אין פלאַם זיינען זיי גענאַנגען אויף קדוש השם און האָבען געזיגט די יונים און באַפרייט זייער לאַנד.

אזוי ווי אין די צייטען פון די חשמנאים אזוי אין אלע צייטען זיינען געווען אלערליי פאַרשידענע כתות, סעקטעס, צווישען וועלכע עס איז פאַר־געקומען אַ קאמף וועגען דת והלאומיות של עם ישראל, אויך אַ קאמף ווע־גען די פאַרשידענע מיינונגען וואָס באַלאַנגט וועגען עקרי־הדת. פון די צייטען פון בן־מנחם האָבען זיך געמעהרט די חלוקי הדעות וועגען עקרי־הדת, און איטליכער האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג נאָך זיין פארשטאַנד נאָך. אָבער מען מוז וויסען וואָס איז עקרי־היהדות — דער פונדאַמענט פון דאָס גאנצע פאָלק ישראל. יהדות־יודאַאיזם, מורי ורבותי, ווענדט זיך ניט אָן תקופות,

היסטאָריות, נאָר לפי רוח מסורת עמנו, נאָכ'ן גייסט פון איבערגעבענהייט פון אונזער פאָלק ישראל; יהדות איז נאָכ'ן תורה און תלמוד און גייסט פון די פאָרשטעהער פון דער אומה הישראלית, וועלכע עס שטעהען אָן דער שפּיץ, וואָס זייערע דעות איז אָנגענומען געוואָרען מיט'ן הסכם פון דאָס גאַנצעס פאָלק ישראל.

* * *

## בעלי-העקרים.

דער ערשטער פון די גרעסטע רבנים נאָכ'ן חתימת־התלמוד, וועלכער האָט געפילט אז מען מוז אוועקשטעלען דעם יהדות אויף באַשטימטע יסודות, וועלכע עס קענען זיך ניט בייטען לפי רוח הזמן, איז געווען רב סעדיה גאון פון סורא, אין 10־טען יאָהר־הונדערט. ער איז געווען א גרויסער תלמודיסט און אַ טיפער דענקער. אין זיין פילאָזאָפישען ספר „האמונות והדעות" ער־קלעהרט ער די יסודות פון דער אידישער רעליגיאָן. ער דריקט אויס אין זיין ספר דעם תמצית פון יודענטום, אזוי: „גאָט האָט באַשאַפען די וועלט ניט פון פארטיגער מאַטעריע, נאָר ער האָט באַשאַפען די מאַטעריע אויך. דער באַשאַפער פון דער וועלט איז איינער, און ווען ער האָט באַשאַפען די וועלט האָט ער געהאַט א קלאָהרען, באַשטימטען ציעל. די קרוין פון דער באַשאַפונג איז דער מענש, אין וועלכען עס איז אריינגעגעבען געוואָרען אַ פאַרשטענדיגע זעלע, וועלכע קען אונטערשיידען גוטס און שלעכטס און דערקענען דעם אמת. אָבער דער מענש וואָלט אליין ניט געקענט געפינען דעם אמת'ן וועג פון לעבען, ווען גאָט וואָלט איהם ניט געקומען צו הילף. גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו די מענשען אויפ'ן באַרג סיני און האָט זיי געגעבען זיינע געבאָטען און געזעצען, וועלכע זאָלען פיהרען דעם מענשען צו נאָבעלע צוועקען. דעם מענ־שען איז געגעבען געוואָרען דער פרייער ווילען: ער איז פריי ענטוועדער אָפּ־צוהיטען, אָדער ברעכען די געבאָטען פון באַרג סיני; פון דאַנען נעהמט זיך דער באגריף פון שכר פאַר גוטע מעשים און פאר עבירות: גוטע און פרומע מעשים רייניגען און דערהויבען די נשמה; שלעכטע מעשים פאַרשוואַרצען און באַפלעקען זי. די גערעכטיגקייט פאָדערט, אז די צדיקים זאָלען באלוינט ווע־רען מיט גוטס, און די רשעים און זינדיגע זאָלען ליידען דערפאַר, וואָס זיי זיינען אָפּגעטראָטען פון אמת'ן וועג. נאָר אזוי ווי אויף דער וועלט איז ניט מעגליך קיין פולער שכר, ווערט די לעצטע גערעכטיגע באלוינונג דערגרייכט ערשט אויף יענער וועלט. דער טויט הייסט, ניט דער סוף פון זיין, נאָר דער איבערגאַנג צו אַן אַנדער עקזיסטענץ. די עהרליכע נשמות הויבען זיך אויף צום אָרט פון גליק און רוה (גן־עדן), און די זינדיגע זיינען נע ונד אין דער וועלט. אין א צייט, וואָס גאָט וועט באַשטימען, וועט פאַרקומען תחית המתים וואָס איז פאַרבונדען מיט'ן קומען פון משיח'ן."

תחית המתים פארשטעהט סעדיה אזוי ווי דער תלמוד לערענט. ד. ה. ווען עס וועלען צוריק לעבעדיג ווערען אויך די קערפערס פון די טויטע. אז משיח וועט קומען וועט אויף דער וועלט קומען די העכסטע גערעכטיגקייט.

* * *

אין 12־טען יאָהר־הונדערט צייכענט זיך אויס — דער גרעסטער אידי־שער דיכטער און דענקער רבי יהודא הלוי פון טעלאדא — מיט זיין רעלי־גיעזען פילאָזאָפישען ספר „הכוזרי״. דער ספר איז געשריבען אין אַראַביש, און דער נאָך האָט ר׳ יהודא אבן־תבון איבערגעזעצט דעם „כוזרי״ אויף לשון קדש. די מעשה וואָס יוסף, דער לעצטער האַזאַרישער מלך האָט געשרי־בען אין זיין בריוו צו חסדאי אבן־שאַפרוט, האָט ר׳ יהודא הלוי אויסגעקלי־בען פאַר אַ אינהאַלט צו זיין ספר און באשרייבט וואָס פאַר אַ מחשבות עס האָבען ארויפגעפירט דעם קעניג בולאן ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון עבודה זרה און אָנהויבען זוכען אַ ריינע אמונה. (ע״ע א. י.) אין די שאלות וואָס דער מחבר לעגט אריין אין מויל פון דעם חאַזאַרישען מלך, אין דעם וכוח וואָס די פאָר־שטעהער פון אלע דריי רעליגיאָנען האָבען צווישען זיך געהאַט, זעהט מען מיט וואָס פאַר אַ שכל ר׳ יהודא הלוי האָט זיך גענומען צו זיין ארבייט, און אויב אין אמונה־זאַכען געשיקט זיך רעדען פון באַווייזע — ווייל דער גלויבען איז מעהר נעהענטער צום געפיל ווי צום שכל — קאָן מען זאָגען, אז אין ספר באַווייזט ער מיט אותות ומופתים דאָס ריינקייט פונ׳ם יודענטום. נאָך דער מיינונג פון רבי יהודא הלוי איז אין אמונה וויכטיגער די אַנטפלעקונג איידער דער פאַרשטאַנד, ווארום די אַנטפלעקונג קומט פון גאָט און דער מענשליכער פאַרשטאַנד קען האָבען א טעות. די אַנטפלעקונג פון גאָט ביים באַרג סיני, אלס דער פונדאַמענט פון יודענטום, איז אַ פאַקט וואָס קען ניט אָפּגעלייקענט ווע־רען, ווארום צעהנדליגע טויזענד אידען האָבען עס געזעהן מיט זייערע אויגען. גאָט האָט זיך אנטפלעקט צו ערשט צו די אידען, דערפאַר ווייל זיי האָבען פריער ווי אנדערע פעלקער ארויסגעוויזען די פעהיגקייט צו דערקענען גאָט. פון זיי האָט זיך די ווארהייט געדארפט פארשפרייטען צווישען אלע מענשען פון דער וועלט, פונקט אזוי ווי דאָס בלוט צוגיסט זיך פונ׳ם הארצען איבער׳ן גוף און גיט איהם לעבען. אויפ׳ן אידען איז ארויפגעלייגט געווארען אזויפיל מצוות און געבאָטען טאַקע נאָר דערפאַר כדי זיין גאַנץ לעבען זאָל זיין גע־ווידמעט צו רעליגיאָן און כדי צו איינגעוואוינען איהם צו טאָהן אלץ פון גאָטס־וועגען, דאָס יודענטום שטרעבט צו פאַרפאָלקאָמען אלע גוטע אייגענשאַפטען, וואָס ליגען אין דער מענשליכער נשמה. ער אונטערשיידעט זיך פון דעם הע־לעניזם ־ די לעהרע פון די גריכען — דערמיט, וואָס ער שטעלט אמת און גוטס העכער ווי שעהנקייט.

* * *

דער נשר הגדול רבינו משה בן מיימון, וואָס ווערט גערופען פאַרקירצט: רמב״ם (1135—1204) איז געווען דער גרעסטער אידישער געלערענטער און פילאָזאָף פון דעם 12־טען יאָהר־הונדערט. דער ריז, דער רמב״ם האָט פאַר־פאַסט אַן אביגע ווערק אין העברעאיש — דער ספר „משנה תורה״ אָדער „יד החזקה״ — א זאמלונג פון אַלע אידישע געזעצען אין אַ סיסטעמאַטישער אָרדנונג. „יד החזקה״ איז געשריבען אין א שעהנעם העברעאישען סטיל און באַשטעהט פון פערצעהן ספרים. דער ערשטער הייסט „ספר המדע״. אין איהם זיינען ענטהאלטען די עקרים פון דער אידישער רעליגיאָן. אזעלכע עקרים האָט דער רמב״ם פעסטגעשטעלט דרייצעהן. אין וועלכע א איד מוז גלויבען, אַנ־דערש איז ער ניט בארעכטיגט צום נאָמען „ישראל״. דאָס זיינען זיי :

1) צו גלויבען מיט׳ן פולען גלויבען, אז דער בורא האָט באַשאַפען און קאָנטראָלירט אלע באַשאַפענע, און ער אליין האָט געטאָן, טוט און וועט טאָן אלע מעשים.

2) צו גלויבען, אז דער באַשעפער איז איינער, אז ס׳איז ניטאָ נאָך אַזאַ איינהייט ווי ער, און אז ער אליין, אונזער גאָט, איז געווען, און וועט זיין.

3) צו גלויבען אז ער איז ניט קיין קערפער, און דערפאר געהט ער ניט אונטער מאַטעריעלער ענדערבארקייט, ווייל צווישען איהם און קערפערליכ־קייט איז קיין שום פארגלייך ניטאָ.

4) צו גלויבען, אז דער באַשעפער איז דער ערשטער און וועט זיין דער לעצטער.

5) צו גלויבען, אז נאָר צו איהם מעג מען מתפלל זיין, און ניט צו קיין אנדערען אויסער איהם.

6) צו גלויבען, אז אלעסדינג וואָס די נביאים האָבען געזאָגט איז אמת.

7) צו גלויבען, אז די נבואה פון משה רבנו איז לויטער אמת און אז ער איז דער גרעסטער פון די נביאים פאר איהם און נאָך איהם.

8) צו גלויבען, אז די תורה וואָס מיר האָבען, איז די זעלבע וואָס איז צו משה׳ן געגעבען געוואָרען.

9) צו גלויבען, אז די תורה וועט ניט געענדערט ווערען, און אז גאָט וועט קיין אנדער תורה ניט געבען אויף איהר אָרט.

10) צו גלויבען, אז גאָט ווייס יעדען מענשענ׳ס געדאַנק.

11) אז ער באלוינט מיט גוטס די וואָס היטען אָפּ זיינע מצוות און באַ־שטראָפט יענע וואָס איבערטרעטען זיי.

12) צו גלויבען, אז משיח וועט קומען, טראָץ זיין פאַרזאַמען זיך, דאָך מוז מען יעדען טאָג זיך ריכטען אויף איהם.

13) צו גלויבען, אז געשטאָרבענע וועלען צוריק לעבעדיג ווערען, ווען גאָט וועט זיי וועלען לעבעדיג מאַכען.

די זיינען עס די „גלויבענס ארטיקלען’’, באוואוסט אונטער’ן נאָמען „שלש עשרה עקרים’’, וואָס דער רמב’’ם פארפליכטעט אידען צו גלויבען, ניט גלוי־בענדיג אין זיי איז א איד ניט בארעכטיגט צו דעם נאָמען אפילו ווען ער לערענט תורה און איז מקיים איהרע מצוות.

און אז מען ליבט דעם בורא ברענגט צו דער צו צו ליבען די גאנצע מענשהייט, אזוי ווי די תורה לערענט אונז: „זאָלסט ליבען דיין חבר ווי זיך אליין’’. און די שטאַרקסטע מענשליכקייט פליסט אין די ווערטער פון גרוי־סען חכם הלל: דעלך סני לחברך לא תעביד’’ — „נכרי אחד בא אליו ויאמר: הנני חפץ להתיהד, אך הודיעני תמצית כל התורה בדברים קצרים, ויאמר אליו מה ששנוא עליך אל תעשה לחברך’’ — דעלך סני לחברך לא תעביד — זו היא כל התורה כולה ואידך פירושה הוא זיל גמור’’ (שבת ל’’א עמוד „א’’) — אַ מאַן פון אן אנדער רעליגיאָן איז געקומען צו הלל’ן און געזאָגט: איך וויל ווערען א איד נאָר ערקלעהר מיר על רגל אחת דעם תמצית־עסענץ פון אמונת ישראל. האָט איהם הלל הנשיא געענטפערט: „א מענש טאָר ניט טאָהן דעם אנדערען דאָס וואָס ער וויל ניט מען זאָל איהם טאָהן’’. — דאָס איז דער תמצית, דער רעגעל פון דער גאנצער תורה, און דאָס איבעריגע איז נאָר א פירוש אויף דעם רעגעל — גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה על רגל אחת. האָט הלל פאַרשטאַנען פון זיין אויסדרוק „על רגל אחת’’ אז ער מיינט צו וויסען דעם יסוד פון דער תורה פונקט ווי די פוס איז דער יסוד פונ’ם גוף, האָט הלל איהם זעהר גוט געענטפערט: „מאן דסני לך, לחברך לא תעבד, ואידך זיל גמור’’ — ווייל דאָס איז דער „רגל אחת’’, דער יסוד פון כל התורה כולה ואידך פרושא זיל גמור. — ליעב האָבען שלום, זיך ניט נאָכ־יאָגען נאָך כבוד, שטענדיג מלמד זכות זיין אויף יענעם — ביי זיך זיין אַ עניו — דאָס זיינען די הייליגע מדות מיט וועלכע הלל האָט זיך אויסגעצייכענט און אויך צו אנדערע געלערענט. און אין דאָס באשטעהט יהדות.

* * *

## בית ישראל.

פון ספר בראשית, וועלכער רעדט ארום די דריי אבות: אברהם, יצחק ויעקב, זעהן מיר ארויס דעם גרויסען רעיון אז אלע אידען זיינען איין משפחה אן אויסגעצייכענטע פון אָנפאנג אָן, וואָס דער רצון פון גאָט געוועלטיגט אי־בער זיי אייביג. אברהם האָט דערקענט זיין באַשעפער — ער האָט דערקענט די קראפט פון גאָט, וואָס איז דאָס העכסטע פון אלעס העכסטען, דאָס שטאַרקס־טע פון אלעס שטאַרקסטען, דאָס גרעסטע פון אלעס גרעסטען, דאָס שעהנסטע פון אלעס שעהנסטען. און אויף דערויף איז מרמז די רייד פון נביא (ישעיהו נ’’א, א’): הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם; הביטו אל — אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם, כי—אחד קראתיו ואברכהו וארבהו — הערט מיר

צו, איהר וואָס יאָגט נאָך גערעכטיגקייט, וואָס זוכט גאָט; קוקט צו דעם פעלזען פון וועלכען איהר זייט אויסגעהאקט געוואָרען, און אויף די עפענונג פון דעם ברונעם פון וועלכען איהר זייט אויסגעגראָבען געוואָרען. קוקט אויף אברהם אייער פאָטער, און אויף שרה'ן וועלכע האָט אייך געבוירען, דען איינער נאָר איז ער געווען און איך האָב איהם גערופען, און איך האָב איהם געבענשט און האָב איהם פארמעהרט.

דאָס מיינט אז אַלע טויזענדער אידען זיינען קינדער פון איין פאָלק און אַלע שבטים רופען זיך: בני ישראל, בית ישראל ובית יעקב. און אונזערע אָבות האָבען זיך אויסגעצייכנט נאָך פון אַמאָליגע צייטען, זיי זענען געווען נשיאים און געבענשט מיט פיל רייכטהום, אויך זיינען זיי געווען גרויסע העלדען, ביז די מלכי מזרח האָבען געמאַכט מיט זיי שלום. אונזער אומה הישראלית האָט זיך אויסגעצייכענט נאָך פון אָנפאנג אָן מיט איהרע מעלות, וואָס איז געוואָרען דער קנין פון דאָס גאנצע פאָלק: די ריינקייט און די היילינקייט פון פאַמיליען לעבען, די געפילען פון יושר וצניעות; דער קלאָהרער לויטער געדאנק וואָס איז נוגע צו דערקענונג צו דער וועלט אין לעבען. אזוי ווי עס שטעהט גע־שריבען (שם יח, י"ט) דען איך קען איהם, אז ער וועט באפעלען זיינע קינדער און זיין הויזגעזינד נאָך איהם, אז זיי זאָלען היטען דעם וועג פון גאָט צו טאָהן גערעכטיגקייט און געריכט. און די ירושה פון די אָבות, וואָס האָט זיך ענט־וויקעלט אין צייט פון דורות איז דאָס געווען נחלת בית־ישראל, אָדער דער גייסטליכער אוצר פון אידישקייט.

* * *

## הנבואָה.

אונזערע אָבות אין אַלע פערציג אַכט נביאים, וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט האָבען זיי אַלע דערגרייכט נבואה דורך רוח הקדש. — ניט דורך חקירה און וויסענשאפט, און ניט דורך די השפעה פון דאָס לאַנד, פאָלק און שעהנקייט פון נאַטור. וואָרום די אַלע ווירקונגען און איינפלוסען, וואָס ציהען זיך פון די יניקה — תנאים פון לעבען איז געגעבען געוואָרען ניט נאָר צו אונזער פאָלק אליין: פיל פעלקער האָבען געוואוינט בארצות המזרח פאר די אידען און מיט די אידען אין איין צייט. אין די זעלבע אומשטענדען און פונדעסט־וועגען זיינען זיי געבליבען אין זעלבען צושטאַנד ווי יעצט ניט פראָגרעסירט און ניט דערגרייכט צו נבואָה.

פילע מענשען האָבען געמאכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו דערגרייכען נבואָה, אָבער אומזיסט. דער רצון הבורא איז ניט געווען דערביי. ווען מיר בלעטערען אונזער תנ"ך זעהן מיר אז די „בני הנביאים" זיינען געווען אויך גאנצע גרופען, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט יעדען נביא און דאָך זיינען פון

זיי קיין נביאים ניט געוואָרען און זייער צוגרייטונג צו נבואה האָט ניט גע־האָלפען ווייל דערצו איז ניט געווען גאָטס ווילען.

גיחזי דער באַדינער פון נביא אלישע האָט אויך ניט דערגרייכט צו נבואה, כאָטש אלישע האָט זיך געשאפט דורך איהם און האָט איהם געגעבען זיין שטעקען ער זאָל געהן מחיה־מתים זיין דעם זוהן פון שונמית. ברוך בן נריה, וואס איז געווען דער תלמיד מובהק פון ירמיה הנביא איז ניט געוואָ־רען קיין אנערקענטער נביא. ער האָט זיך באקלאָגט אויף זיין ביטערען שיק־זאָל פאר ירמיה הנביא: ער איז מיעד זיפצענדיג און קיין רוה — נבואה — געפינט ער ניט. ירמיה הנביא האָט איהם געזאָגט אין נאָמען פון גאָט: „גדולות אל תבקש — דו פארלאנגסט גרויסע זאַכען פאַר זיך? פארלאנג עס גאָר ניט! דאָס מיינט נבואה. (ירמיה מה, ה׳).

די דעות וואָס איז נוגע צו די הכנות דורך וועלכע א מענש קען דער־גרייכען צו נבואה — זיינען פארשידענע פון די טעג פון חכמי התלמוד ביז היינט: — דער ריז דער רמב״ם זי״ע, זאָגט אזוי: „צו זיין א נביא מוז מען געבוירען ווערען, מען מוז זיין פון גאָט באשאָנקען מיט דעם כח כדי צו קענען ווערען א נביא, דער מענש אליין קען בלויז אויסארבייטען אין זיך דעם חלק החכמה וואס איז נויטיג דערצו. דער וואָס איז ניט געבוירען מיט דער איי־גענשאפט בלייבט א חכם. אָבער ער קען צו נבואה ניט דערגרייכען. (מו״נ, ח״ב פרק ל״ו.)

זעהן מיר ארויס פון אויבּ׳ן דערמאָנטע אז גאָט האָט באַשאָנקען דאָס פאָלק ישראל מיט א כוח, א קראַפט, א רוח הקדש און כנסת ישראל האָט די וועלט געטליכקייט געלערענט אין איהר די ביבעל געשאָנקען, ווירדע און שטאָלץ, אַ מוסטער פאר מארטירערטום, פון אויסדויער און האָפנונג. צו אַזאַ שטופע, מדרגה האָבען די קולטורעלע פעלקער ניט דערגרייכט. דער כוח ההרגשה צו נביאות מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס אונזער פאָלק ישראל, איז דער גייסטליכער אוצר היהדות.

* * *

## תכלית האָדם.

גאָט האָט באַשאַפען אַ שעהנע וועלט: די רייכע נאַטור האָט באזאָרגט דעם מענשען מיט אלע גוטסקייטען, פעלדער וועלדער, שאָף און רינדער, טייערע זעלטענע פירות מיט אלע קאָסטבאַרקייטען פון דער וועלט. און אלעס האָט גאָט באַשאַפען אין די ימים און אויף דער ערד פאַר דעם מענשען. ווארום דער מענש איז דער בחיר פון אלע באַשעפענישען. די ערד האָט גאָט ניט אוועקגע־געבען צו מלאכים, אז דער מענש זאָל זיין אַ קנעכט צו זיי, ניין, דער מענש איז פריי — די וועלט איז פאר איהם אונטער השגחת הבורא. אָבער אין וואָס באַשטעהט דער תכלית פון א מענשען? מיט וואָס קען ער טאָהן דעם רצון פון

זיין באַשעפער? וואָס דאַרף דער מענש טאָהן כדי דערנעהענטערען זיך צו גאָט?

— דער תכלית פון א מענשען איז צו ענטוויקלען זיין שכל, כדי דורך איהם זיך צו דערהויבען ביז צו באַגרייפען די ריינע געטליכקייט (אחדות הבורא).

דער נביא מיכה דערקלערט מיט וואָס א מענש קען טאָהן דעם רצון פון זיין באַשעפער און דערנעהענטערען זיך צו גאָט?... הגיד לך אָדם מה טוב ומה ד' דורש ממך כי—אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלקך" (מיכה ו' ח') — מען האָט דיר מענש, שוין לאַנג געזאָגט וואָס גוט איז און וואָס גאָט פאַרלאַנגט בלויז טאָהן גערעכטיגקייט, ליעבען גנאָד און באַשיידען געהן מיט גאָט.

דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען אין בילד פון גאָט, איבער דעם דאַרף ער געהן אין די וועגען פון גאָט און זיין ענליך צו איהם: אזוי ווי גאָט איז „רחום" „וחנון" — באַרעמהערציגער און גנעדיגער, אזוי דאַרפסטו אויך זיין א „רחום וחנון" (שבת, קל"ג). די תורה זאָגט: אז דער מענשליכער לעבען איז הייליג און דער וועג צו גאָט איז דורכ'ן לעבען גופא, דאָס הייסט דורכפיהרען אַן עטישען לעבען. דער געדאַנק ווערט קלאָהר אויסגעדריקט אין דעם פסוק: „קדשים תהיו כי קדוש אני ד' אלקיכם". (ויקרא י"ט, ב') — זייט הייליג, ווארום איך, אייער גאָט בין הייליג. — און דער באַשעפער האָט דעם מענשען געלייטזעליגט מיט א פאַרשטענדיגע פיהלענדע הארץ: צווישען פאַרשטעהן און פאַנאַנדערצושיידען, צווישען ליכטיגקייט און פינסטערניש, צווישען גוטס און שלעכטס, אזוי ווי חז"ל זאָגען אין (יומא כ"ז) את משפטי תעשו — מיין לאָו — משפט — זאָלט איהר היטען, דאָס איז ווערטער, ווען זיי וואָלטען ניט זיין געשריבען איז אַ לאָו — אַ דין אז זיי זאָלען זיין געשריבען, דאָס מיינט אז אין דעם מענשענס שכל איז איינגעפלאַנצט א כח הבחינה צו וויסען וואָס איז גוט. און מיט דעם כח־השכל קען דער מענש איינגעהמען אלע זיינע שלעכטע אינסטינקטען און זיין א בחיר של כל היצורים.

* * *

## שכר ועגש.

דאָס טראַכטען פון דעם הארץ פון דעם מענשען איז שלעכט פון זיין יוגענד אָן: דער קערפער, דער חומר איז געשאַפען געוואָרען פון ערד און דער־ריבער ציהט דער קערפער צו אַלץ, וואָס איז ערדיש, גראָב און זינדיג; די נשמה איז אַ טייל פון דער געטליכקייט, ציהט זי צוהייליגקייט. צווישען די צוויי קאָנטראַסטען קומט פאָר א שטענדיגער קאַמף, מעהרסטענטייל זיגט דאָס ערדישע — דער גוף. דער עקזיסטענץ פון לעבען איז זעהר א שווערער, אויסצוטרעטען א וועג אין לעבען איז ניט פון די גרינגע זאַכען, ווארום שטרויכלונגען און פילע נסיונות לויערען דעם מענשען אויף זיין וועג פון

לעבען. דער שלאַנג היט דעם מענשען אין גן־עדן. און אָדם און חוה עסען וואָס איז פאַרבאָטען פאַר זיי. קין איז זיך מתקנא אָן זיין ברודער און דער־הארגעט איהם, אויך פילע מענשען פאַרדאַרבען זייער וועג אויף דער ערד. איז גאָט אין כעס געוואָרען אויף זיי און באַשטראָפט זיי פאַר זייערע זינד, אזוי ווי אַ טאַטע באַשטראָפט זיין זוהן. און ווען ער האָט ליעב דעם באשראָפט ער. די שטרעבונג פון שטראָף איז צו עפענען די אויגען פון די פארבלאָנ־דזשעטע, כדי זיי אומקערען צום גוטען וועג. אָבער דער רשע וועלכער שטעהט אין זיין רשעות מוז ער אונטערגעהן, כדי עס זאָל פארטיליגט ווערען זיין שלעכטס פון דער וועלט און זאָל מיט זיין רשעות ניט פארפיהרען אנדערע. דער מענש וואָס געהט אין גלייכען וועג און דערפילט דעם רצון פון בורא איז ער געבענשט מיט זיינע מעשים. אזוי ווי דער נביא זאָגט: ווען איהר וועט וועלען געהאָרכען, וועט איהר געניסען דאָס בעסטע פון דעם לאנד, אָבער אויב איהר וועט אייך וויגערען און איהר וועט ווידערשפעניגען וועט איהר פארניכטעט ווערען דורך דעם שווערד. (ישעיה א׳ י״ט)

דער עונש קומט נאָכ׳ן זינד נאָך און דער שכר, נאָכ׳ן פארדינסט נאָך. מיט איין וואָרט, באלוינונג פאר גוטס און שטראָף פאַר שלעכטס.

* * *

# אותות הברית.

דער תכלית פון מענשען איז זייער גייסטליכע פאָלקאָמענהייט, און די מעהרהייט מענשען דאַרפען האָבען פאָרשטעהער, לעהרער, וועג־ווייזער, וועל־כע זאָלען זיי לערנען און אָנצייכנען די ריכטיגע וועג אין וועלכע זיי זאָלען געהן. פאַר דערפאר האָט גאָט אויסגעקליבען פאָרשטעהער, פילאַנטראָפען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער שטאַרקען גייסט, מיט יראה, מדות טובות, בישנות וצנעות ומעשים טובים, אז זיי זאָלען זיין זיינע כהנים—נביאים; ריידען אין גאָט׳ס נאָמען און לערנען דעם קומענדיגען דור און מדריך זיין איהם בדרך התורה והיראה. און איינע פון די פונדאַמענטען פון יהדות איז די אמונה וואָס די אָבות: אברהם, יצחק ויעקב און זייערע קינדער נאָך זיי זיינען אויסגע־קליבען געוואָרען פאַר דיזע הייליקע צוועקען. צו זיין א ליכט פאַר פעלקער, צו אברהמ׳ען האָט גאָט געזאָגט: ונברכו בך כל משפחות האדמה — און אלע פאַ־מיליען פון דער ערד וועלען זיך מיט דיר בענשען. (בראשית ג׳ ג׳) — און גאָט האָט מיט זיי כורת־ברית געווען אז עס זאָל מקויים ווערען אויף זייערע קינ־דער, וועלכע ער האָט אויסגעקליבען, צו זיין צו איהם ממלכת כהנים, און א הייליגעס פאָלק (שמות י״ט ו׳), און אויפ׳ן באַרג סיני האָט זיך גאָט באוויזען צו דאָס אידיש פאָלק און האָט באַנייט זיין בונד מיט זיי און איבערגעגעבען צו זיי די צעהן געבאָט און אלע חקים ומשפטים. דאָס איז די איבערגעבענ־הייט פון רעליגיאָן און נאַציאָנאַליטעט. דער גאנצער קאמף פון די אסימילאַ־

טאָרען און די מאָדערנע רעפאָרמער מיט זייער אויסגעשריי: לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער! וועלען זיי ניט קענען אויסוואָרצלען די אמונה פון דאָס פאָלק׳ס הארץ און זיי וועלען ניט קענען פארטויבען די שטימע פון די נביאים וועלכע צייגען אָן מיט פילע פסוקים די רייד פון דעם צוזאָג. גאָט האָט געוואָלט מזכה זיין די אידען, האָט ער זיי געגעבען תורה ומצוות, אלע מצוות האָבען אָטעם וסבה און די כונה פון דער תורה איז נאָר א תקון פאר׳ן נפש און קערפער. (מו״נ, ח״ג, כ״ו, כ״ז). — צוויי מצוות, וואָס זיי טראָגען אויף זיך דעם צווייאיגען חותם פון קדושה, ווייל זיי זיינען די צייכענס פון בונד צווישען גאָט און אידען זיינען: מילה און שבת. די ערשטע ווערט ניט דערמאָנט אין עשרת הדברות פונדעסטוועגען האָבען אידען דאָס אָפּגעהיט פּינקטליך אין אלע צייטען פון די גזרות האָבען זיך אידען מפקיר געווען פאר מילה. יהושע האָט מל געווען דאָס גאנצע פאָלק תיכף נאָך זייער אריינגעהן אין ארץ ישראל. ווארום אַלע ארויסגעהער פון מצרים זיינען באַשניטען געווען, און אלע וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אויפ׳ן וועג געהענדיג פון מצרים, אין דער וויסטעניש, האָט מען ניט באשניטען. די קינדער פון יעקב האָבען געזאָגט צו חמור און צו זיין זוהן שכם: מיר קענען ניט טאָהן דיזע זאַך, צו געבען אונזער שוועסטער צו אַ מאַן וואָס איז אונבאַשניטען, דען דאָס איז א שאַנדע פאר אונז. (בראשית ל״ד, יד״). הורקנוס האָט ארויסגענומען אַ תנאי מיט די אדומים נאָך זיין איינעמען זייער לאנד: איינס פון דאָס צוויי זאָלען זיי אויסקלייבען: אָדער פארלאָזען זייער לאַנד, אָדער זיי זאָלען זיך מל זיין. אין ספר היובלים וואָס איז געשריבען געוואָרען אין יענער צייט, ווערט געשריבען (ט״ו, ל״ח—מ״א) א טייל פון אידען, וואָס זיינען געווען נידערטרעכטיגע לייט, האָבען אויפגעהערט מל צו זיין זייערע קינדער האָט דער צאָר׳ן פון גאָט געגרימט אויף דעם פאָלק ווייל זיי האָבען פארלאָזען זייער ברית. ר׳ אלעזר המודעי האָט געזאָגט, דער וואָס פארשטערט דעם ברית פון א״א, כאָטש ער לערענט און האָט מעשים טובים האָט ער ניט קיין חלק לעוה״ב. (אבות ג׳ ט״ו).

און מצוות שבת איז איינע פון די עשרת הדברות און די מאָטיווירונג פון שבת איז א צווייפאַכע אין תנ״ך. ערשטענס האָט גאָט באַשאַפען די וועלט אין זעקס טעג און גערוהט אין דעם זיבעטען טאָג. דער אנדערער מאָטיוו ווייל מען האָט די אידען ארויסגענומען פון מצרים.

שבת איז אזוי גרויס און הייליג ביי אידען, אז מען האָט געזאָגט: (כוזרי מ״ה ג׳): די היטונג פון שבת דערנענטערט דעם מענשען צום בורא מעהר ווי פרישות און נזירות.

* * *

## השקפת החיים.

די מצוות זיינען ניט געגעבען געוואָרען צו די אידען ארויפצולייגען אויף זיי אַ שווערען יאָך, פארביטערען זייער לעבען אז זיי זאָלען ניט הנאה האָבען פון אלע תענוגים פון דער וועלט, נייין, פארקעהרט, מאַכען מיט די מצוות ליעב זייער לעבען און הנאה האָבען פון דער וועלט. אונזער תורה זאָגט ר׳ יהודא הלוי (כוזרי, ב׳ ג׳) איז צוטיילט געוואָרען צווישען: יראה, ליבשאַפט און שמחה. טרעט צו צו גאָט מיט איטליכע פון זיי. „דיין אונטערטעניגונג אין דעם טאָג פון דיין תענית איז ניט אזוי נאָהענט צו גאָט ווי דיין פרייד אין די טעג פון שבת און יום טוב, וכ׳ ״ ישעיה האָט געזאָגט (נ״ח י״ג) וקראת לשבת ענג; און אַלע ימים טובים רופען זיך אָן אין דער תורה מיט׳ן נאָמען שמחה. נחמיה און עזרא האָבען געזאָגט צום פאָלק: איהר זאָלט ניט טרויערען און איהר זאָלט ניט וויינען, היינטיגער טאָג איז הייליג צו אייער גאָט — און אונזערע חכמים האָבען געזאָגט (שבת ל׳): די שכינה רוהט ניט אויף אַ מענשען ווען ער איז טרויעריג און ווען ער איז פויל וכ׳ נאָר זי רוהט אויף איהם ביי אַ שמחה של מצוה — כגון הכנסת כלה. אַזאַ שמחה דערהויבט דעם גייסט פון א מענשען און ווען מען דינט גאָט מתוך שמחה באַהעפט מען זיך מיט איהם (דבקות), אָבער ניט דורך עצבות און פייניגען זיך. די תורה פאַרבאָט דעם מענשען זיך צו פייניגען.

שמחות נאָכ׳ן גייסט פון יהדות דערהויבט די מענשליכע נשמה און דער מענש פילט זיך דאן גוט געשטימט. אלזאָ איז א חוב צו לערנען תורה, וואָרום די תורה לערענט דעם מענשען צו הייליקען זיין לעבען מיט זיין מחשבה און מעשה. פאר דערפאר האָט געזאָגט דער משורר: „די לעהרע פון דיין מויל איז ביי מיר בעסער פאר טויזענדער אין גאָלד אָדער זילבער״, „ווען ניט דיין תורה וואָלט מיר דערפרעהען, וואָלט איך שוין לאַנג פארלאָרען געוואָרען אין ארמוטה״. (תהלים קי״ט). אָבער א חוץ דעם גייסטליכען פארגעניגען וואָס אַ מענש האָט, האָט די תורה איהם מבטיח געווען אריכת ימים און אלע ברכות פון לאַנד.

* * *

## השארת הנפש, העוה״ז והעוה״ב.

חז״ל צייגען אונז אָן אין תנ״ך וועגען השארות הנפש, שכר ועונש און העוה״ב. זיי זאָגען: ווען די נשמה פאראייניגט זיך מיט׳ן קערפער האָט זי אונטער א שבועה גענומען אויף זיך צו האלטען זיך בקדושה ובטהרה ביז־וואַנען זי וועט זיך צושיידען מיט׳ן גוף; ווען דער מענש געהט אין גוטען וועג ווערט ער באלוינט מיט אלדאָס גוטס; און ווען דער מענש לעבט אויס זיינע יאָהרען און שטאַרבט, איז דאָן דער טויט הייסט ניט דער סוף פון זיין, נאָר דער

איבערגאנג צו אן אנדער עקזיסטענץ: די עהרליכע נשמות הויבען זיך אויף צום ארט פון גליק און רוה (גן־עדן), און די זינדיגע זיינען נע ונד אין דער וועלט. שלמה המלך זאגט אין משלי: „נר ד׳ נשמת אדם״ — די נשמה הקדושה איז די ליכט פון גאט. אלזא, די נשמה ווערט גערופען „נר״־ליכט, און ווען דאס ליכטעלע, די נשמה, דארף אויסגעלאשען ווערען דא — פון דער וועלט, לאזט ער איבער זיינעם א קינד וואס ער האט א פארבינדונג מיט דער נשמה זיינע, די תורה ומצוות וועלכע ער לערענט דעם קינד, דאס איז דער צובונד, און אז ער שטארבט איידער ער געהט אויס ווערט עס איבערגעגעבען צו דער נשמה פון זיין קינד. דאס איז אלץ גערעדט, אז דאס קינד איז א ריכטיגער, א איד. איז דאן אז עס האלט ביים אויסגעהן זיין ליכט, געהט זי גאר ניט אויס, ווייל גראדע יעצט ברענט זי, ווארום זי האט דאך אנגעצונדען א ליכט אן אנדערען, הייסט זי דאך ניט פארלאשען.

וועגען חנוך איז מרמז דער פסוק: ״ואיננו כי לקח אותו אלקים — לפני זמנו (ע״ע רש״י בראשית כד׳) אליהו הנביא איז אויפגעגאנגען מיט א שטור־רעם ווינט צום הימעל. אויך ווערט דערצעהלט אז די בעלת האוב האט אויפגעבראכט דעם שטן פון שמואל הנביא פון זיין קבר און ער האט נביאות געזאגט נאך זיין טויט אז שאול און זיינע קינדער וועלען ארייגפאלען אין די הענט פון די פלשתים. — קהלת האט געזאגט בפירוש: וישב העפר על הארץ כשהיה והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה — און דער שטויב קעהרט זיך אום צו דער ערד ווי געוועז און דער גייסט קעהרט זיך אום צו גאט, וואס האט איהם געגעבען. (יב׳ ז׳).

ספרות ישראל נאך כה״ק וואס זי שטאמט נאר מרוח היהדות באשטימט אז די אמונה בהשארת הנפש ובחיי העוה״ב איז איינע פון איהרע עקרים.

ר׳ יעקב זאגט (אבות ד׳ כ״א וכ״ב): די וועלט איז גלייך צו א פרוזדור (קארידאר) אנטקעגען העה״ב און עס איז בעסער איין שטונדע פון נחת רוח בעוהב ווי פון גאנץ חיי העוה״ז. — אין חז״ל זאגען (ברכות י״ז) אויפ׳ן העוה״ב עסט מען ניט, מען טרינקט ניט, נאר צדיקים זיצען און האבען הנאה פון דער שיינונג פון דער שכינה. דער מענש וואס דורך איהם וועט גאט דערפילען זיין הבטחה צו זיין פאלק ישראל וועט שפראצען — שטאמען — פון בית דוד, מלך המשיח.

* * *

## אחרית הימים.

און עס וועט געשעהן אין די צוקונפטיגע צייטען, וועט קומען משיח בן־דוד. דער מלך המשיח וועט זיין א גייסטיגער קעניג, וואו תורה און חכמה, ארגאניזאטארישע פעהיגקייט און מענשליכע ליבליכקייט, וועלען זיין פאראייניגט אין זיין פערזאן. זיין ווארט וועט זיין א געזעץ פאר אלע מענשען פון

דער וועלט. משיח בן־דוד וועט זיין באקרוינט מיט זעקס מדות, אזוי ווי ישעיה הנביא זאָגט אויף איהם: „ונחה עליו רוח ד׳ רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד׳.״ (ישעיה יא־ב) — „און עס וועט רוהען אויף איהם דער גייסט פון גאָט, אַ גייסט פון חכמה און פארשטאַנד, אַ גייסט פון ראָט און שטאַר־קייט, אַ גייסט פון וויסענשאַפט, און די פרוכט פון גאָט.

דער מלך המשיח וועט אויפבויען ארץ ישראל אַלס אַ רייך־אידישע מדינה, אויף די פּרינציפּען פון תורה און קדושה; וועט צונויפזאַמלען אלע אידען מארבע כנפות הארץ קיין ארץ ישראל, וואו עס וועט געבויט ווערען דער בית־המקדש אויף זיין אָרט. משיח בן־דוד וועט שאַפען גוטע געזעצען, אַפּשאַפען אונטער־דריקונג און מלחמות, ווארום אלע מענשען פון דער וועלט וועלען פאַרבונדען ווערען מיט ברידערליכער ליבשאַפט; קנאָה, שנאָה וועט דאַן קיינמאָל ניט זיין ווארום די שפע וועט זיין גרויס פאַר אַלעמען גלייך. די מענשהייט וועט זיך באַ־שעפטיגען בלויז מיט איין זאַך: צו דערקענען די גאָטהייט און צו שטודירען זי. עס וועט פול ווערען די ערד מיט דער וויסענשאפט פון גאָט, ווי די פילע וואַסערען וואָס באַדעקען דעם ים.

# ריפורם.

ס׳איז אמאָל געקומען אַ איד א יורד קיין ניו־יאָרק. אין דער היים איז ער געוועזן אַ פיינער בעל־הבית. קומענדיג אין ניו־יאָרק, צו וואָס קען זיך אַזאַ מאַן נעהמען? האָבען איהם די לאַנדסלייט גע׳עצה׳ט אַז ער זאָל ווערען אַ רעגס־פּעדלער. צו קיין אנדער זאַך האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט. ער האָט נעבאַך זיך געמאַטערט, אַראָפּגעבראַכט זיין פאַמיליע. קיין גרויסע גליקען האָט ער ניט געמאכט, די הוצאה איז געווען גרויס, די הכנסה קליין, דערצו איז ער געווען אַ גרויסער שלים־מזל. קומענדיג איין מאָל פאַר זיינע ביזנעס האָט ער איבערגעקליבען די שמאַטעס, האָט ער דאַרטען געפונען אַ קאָוט וועלכען מען האָט נאָך געקאָנט טראָגען. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט ניט קיין קאָוט פאַר זיך אויף ווינטער, נאָר דער קאָוט איז געווען צו לאַנג, זאָגט ער צו זיין פרוי: „ווען דו ביסט אַ גוטע ווייב וואָלסטו איהם אַביסעלע געקורצט, וואָלט איך געהאט א גוטען קאָוט. — האָט זיך די פרוי אויף איהם צושריען: „די גוד־טיימס וואָס איך האָב ביי דיר, ווילסטו נאָך אַז איך זאָל ווערען אַ שניידערקע...״? זי איז אַוועק שלאָפען. די צוויי טעכטער און די שנור האָבען אויך געהערט דעם אַרגומענט. די עלטסטע טאָכטער האָט באַשלאָסען אַז עס איז טאָקע א רחמנות אויפ׳ן טאַטען און זי האָט אין מיטען דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפען

„געפיקסט״ דעם קאָוט. די צווייטע טאָכטער האָט זיך אויך געהאַט צוגעהערט, אָבער זי איז איינגעשלאָפן. דריי אַזייגער האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און האָט באַקומען מיטלייד מיט׳ן פאָטער און ניט וויסענדיג אַז דער קאָוט איז שוין „געפיקסט״, האָט זי איהם אויך געקירצט. די שנור, וועלכע האָט זיך אויך גע־פונען אין הויז, איז זי אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און „געפיקסט״ דעם קאָוט. צו לעצט האָט זיך די ווייב באַרעכענט וואָס האָט זי דאָ אָפגעטאָן. ער איז דאָך פאַרט איהר ברויט־געבער, איז זי אויפגעשטאַנען אין דער פריה און אונטער־געשניטען אויף דריי פינגער, ווי דער מאַן האָט געהייסען. ווען דער מאַן האָט געוואָלט אָנטאָן דעם קאָוט, איז דער קאָוט געווען אָפּגעשניטען ביז די קעשע־נעס... ווארום יעדע איינע האָט אָפגעשניטען אויף דריי פינגער.

די מעשה׳לע פאַסט זיך צו דער ריפורם באַוועגונג: מיר האָבען, ליבע לעזער, פאַר דער לעצטער צייט צופיל שניידער. מיר האָבען רעליגיעזע אידען, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע. רעפאָרמער ראַביים שניידען און קירצען דעם מלבוש — אמונה — פארקירצען דעם סידור, חומש, הגדה און ז. וו. זיי האָבען קיים שום באַגריף ניט אַז איטליכער וואָרט פון אונזערע תפלות איז איינגעזאַפּט מיט בלוט, און אין איטליכע תפילה הילכט אָפּ די מסירת־נפש פון די אומה הישראלית, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען על קדוש השם. ווי קען מען דאָס קירצען ? ווי קען מען דאָס שניידען ? עס וועט דאָך בלייבען געשניטען ביז די פּאָלעס און דעם מלבוש וועט מען ניט קענען נוצען. רע־פאָרמער! צוואוואַרפט ניט די ציגעל פון דער געביידע, זי וועט צופאַלען. לאָזט עס אָפּ ווי זי שטעהט און געהט.

* * *

די שוהלען אין אמעריקע.

פיר סאָרטען שוהלען עקזיסטירען דאָ אין אמעריקע: די אָרטאָדאָקסישע, די קאָנסערוואַטיווע און די רעפאָרמירטע. די מעהרהייט אידען אין אמעריקע באַ־זוכען די אָרטאָדאָקסישע שוהלען, אויך יאָנג איזראַעל.

די שוהלען באַשטעהען פון די אידיש־שפּרעכענדע, וואָס האַלטען אָן די טראַדיציאָנעלע לעבענספאָרמען פון דער אַלטער היים. „יאָנג איזראַעל״ — איז אַ רעליגיעזע יוגענט אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעם ציעל צו פאַרשפּרייטען די אידישע רעליגיע צווישען דער אידישער יוגענט אין אמעריקע דורך גרינ־דען ישיבות און שוהלען. שבת און ימים טובים זינגט מיט דער גאַנצער קהל מיט׳ן חזן געוויסע תפלות. זיי פראַוועון שלש סעודות, זינגען זמירות. מיט איין וואָרט, „יאָנג איזראַעל״ איז אַ געזונטער נערוו צווישען דאָס אידיש פאָלק.

די קאָנסערוואַטיווע, איז ענליך צו די אָרטאָדאָקסישע. מען דאַוונט דאָרטען דריי מאָל אַ טאָג אין העברעאיש, זיי היטען אָפּ אַלע דינים ווי אין אָרטאָדאָק־סישע שוהלען, נאָר דער אונטערשייד איז וואָס זיי זוכען זיך צוצופאַסען צום

אַמעריקאנער לעבען. זייערע רבנים זיינען גראַדואירטע פון דעם אמעריקאנער רבנים סעמינאַר און פריידיקען אין ענגליש.

די רעפאָרמירטע שוהלען, זיינען שעהנע „טעמפלען״, איינגעפירט דאָרטען אַ כאָר־געזאַנג פון געוויסע תפלות באַגלייט מיט׳ן שפיל פון אַן אָרגעל, מען האַלט דרשות אין ענגליש און מען זאָגט געוויסע תפלות אין ענגליש אי־בערזעצט. זיי האָבען אָפּגעשאפט ציצית, תפלין, די דינים וועגען שבת־רוה זעהען זיי פארלייכטערען א. ז. וו. די רעפאָרמער זעהן מיט אַלע מעגליכקייטען אַז עס זאָל זיין גוטע באַציהונגען צווישען קריסטען און אידען. דערפאר פריי־דיקט דער רבי אָפּט אין טשוירטש און דער גלח (פריסט אין „טעמפּל״ — זיי פאַרבייטען זיך מיט די יוצרות... די רעפאָרמער אין באַצוג צו רעליגיע זיינען זיי ליבעראל, אָבער אין באצוג צום אידישען נאַציאָנאַליזם, זיינען זיי ניט אַסימילאַטאָריש געזאָנען. אַ טייל פון זיי זיינען איבערגעגעבענע ציוניסטען. זייער שלחן־ערוך איז זעהר אַ טרוקענער. אז אַ ליטוואַק, אן אָרטאָדאָקסישער איד, קומט אריין אין „טעמפּל״ פילט ער זיך פארלאָרען, עפּעס, מאָדנע, ניט קיין קריסט, ניט קיין איד... דער יוגענט קוקט מיט חשד אויף דעם ריפורם און אנדערע יונגע געפינען אויס אז עס איז ניטאָ כמעט קיין אונטערשייד צווישען טעמפּל־עמנואל און טשוירטש, און געהן אריבער... דער טעמפּל עמנואל וועט ניט לעזען די אידישע פראַגע פון פריינדליכע באַציהונגען צווי־שען קריסט און איד. מיר מוזען מיט׳ן קריסט האַנדלען אָרענטליך, אָבער זיך ניט רייבען מיט איהם די פּלייצעס, דאָס זיינען מיר ניט מחויב... זיך צו באַקאַנען גוט מיט דער באַוועגונג „ריפורם״ וועלען מיר דאָס ארומריידען ברייטער.

* * *

פון דער צייט זינט די אידישע מלוכה האָט זיך צוטיילט, זיינען יהודא און אפרים געוואָרען צוויי כתות בעניני הדת.

די בני יהודא זיינען געווען פרום און — אפרים זיינען געווען פריי גע־שטימט; נאָכקרימענדיג די מעשי־העמים, אזוי ווי דער נביא הושע זאָגט אונז: סבבני בכחש אפרים ובמרמה בית־ישראל ויהודא עד רד עם־אל־אפרים האָט מיר ארומגערינגעלט מיט ליגען און דאָס הויז ישראל מיט פאַלשקייט, יהודא אָבער איז פון גאָט באַהערשט. (הושע י״ב) און מיט יהודא זיינען די כהנים, לוים ותופשי־התורה. — אין די צייטען פון בית שני זיינען געווען די צדוקים, וועלכע האָבען געגלויבט אין תורה שבכתב, זיי זיינען געווען אַנטקעגען די פּרושים, וועלכע האָבען מקיים געווען די תורה און די מסורה. אין די צייטען פון די גאונים און נאָך זיי זיינען געווען די „קראים״, וועלכע האָבען אָפּגע־לייקענט תושבע״פ, אָבער וואָס באַלאַנגט תורה שבכתב זיינען זיי געגאַנגען לחומרא אזוי ווי מיר זעהען פון זייערע חומרות בדיני שבת ובדיני עריות (ע״ע

קראים), אבער ניט אזוי ווי די ריפורמים וועלכע געהען לקולא אפילו אין דינים וואָס זייער מקור איז פון דער תורה.

הריפורם האָט זיך אָנגעהויבען פון מענדעלסאָנס צייט דורך די משכילים, בעלי המאספים, וועלכע האָבען געשטרעבט צו מאַכען תקונים במנהג בית־הכנסת, מבטל צו זיין דעם זאָגען פון „במה מדליקין" שבת־צו־נאַכט — ווארום זיי זאָגען אז דאָס איז ניט דער עיקר התפלה. אויך האָבען זיי מבטל געמאכט תפלת „יקום פורקן" אום שבת, וואָס איז געשאפען געווארען אין בבל אין דער צייט פון די ישיבות: לרישי כלה ולרישי גלותא — צו די עלסטע דרשנים אין די עלסטע פון די פּאַרטריבענע אידען. אָבער דעם צווייטען „יקום פורקן" האָבען זיי איבערגעלאָזען, ווארום דאָס איז א תפלה פאַר דער קהלה. די רע־פאָרמער וואָס זיינען געקומען נאָך זיי האָבען אויסגעמעקט פון זייערע סדורים אויך דעם צווייטען „יקום פורקן" און אויף זיי איז מרמז דער פסוק „וימח את כל היקום" — און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאנצען באַשטאַנד. זיי האָבען אויך מבטל געווען די פיוטים. זייער בית־הכנסת אין בערלין איז געווען אַ פּראַכטפולער און האָט זיך גערופען „היכל" און דאָרטען האָט געדאַווענט דער חזן מיט די משוררים נאָך די נאָטען. דעם מגיד האָט מען פארביטען מיט אַ פריידיגער וואָס האָט געפריידיגט אויף דער שפּראַך פון דער מדינה. דער פרעדיגער, דער חזן מיט משוררים זיינען געווען אָנגעטאָן אין שווארצע קליי־דער, אזוי ווי די קאַטאָליקען אין דער קירך. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבען זיי איינגעפירט אַן „אָרגעל" אין היכל און אַ כאָר פון ז י נ ג ע ר י נ ס. מענער און פרויען זיינען געזעסען צוזאַמען און צוגעהערט זיך צו זייער זינגען. זיי האָבען ארייגענומען מיידלאך אויך אין ברית הדת (קאָנפירמיישאָן) — אַלץ ווי עס טוען די גוים, זייערע שכנים. זיי האָבען זיך אָפּגעלערענט פון זייערע מעשים און נאָכגעקרימט זיי.

דער פילאָזאָף מענדעלסאָן אליין האָט קיין זאַך ניט געענדערט פון אי־דישע אַלטע מנהגים און דער פילאָזאָף האָט געגלויבט אז אַלע דינים אין דער תורה און אויך דיני קרבנות והצרמוניות זיינען געזאָגט געוואָרען פון גאָט און זיי וועלען קיינמאָל ניט בטל ווערען נאָר דורך גאָט אליין, ווען ער וועט זיך נתגלה ווערען נאָך אמאָל צו זיין פאָלק ישראל און איבערענדערען.

אָבער ער איז דורכגעפאַלען מיט דעם, וואָס ער האָט געלערענט דעם רע־פורם צו זיינע תלמידים און האָט אָפּגעלייקענט דעם אידישען נאַציאָנאַליטעט וואָס פארבינדט דאָס אידישע פאָלק אין אלע צייטען. נאָך זיין מיינונג נאָך: זיינען אידען א רעליגיעזע גרופּע־קינדער פון איין אמונה אין איטליכען אָרט וואו זיי זיינען צווישען די אומות־העולם. „די אידען באַלאַנגען צו דעם פאָלק פון דער מדינה אין איטליכען אָרט וואו זיי זיינען, דאָס הייסט זיי זיינען דייטשען ריכטיקע אין דייטשלאַנד, און ענגלענדער אין ענגלאנד א. ז. וו. עס איז ווירק־

ליכער אז מען זאָל זיי רופען „דייטשען פון אידישען גלויבען״. — ווי עס ווייזט אויס האָט מענדעלסאָן דאָס אלעס פּראָפּאַגאַנדירט, כדי די קריסטען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט געבען די אידען גלייכבארעכטיגונג, זאָלען ניט האָבען אַן אויסרייד אז אידען זיינען אַן אַנדער פאָלק און ארץ ישראל איז זייער היים, דעריבער דארפען זיי נישט געבען קיין בירגער־רעכט.

מענדעלסאָן׳ס תלמידים האָבען געלערענט א גזרה שוה פון זיך אליין: כדי צו קריגען בירגער־רעכט דארפען זיך פיהרען אזוי ווי די גוים, האָבען זיי אראָפּגעוואָרפען פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע, באָרד און פאות, אנגעטאָן זיך אין פראַק מיט ווייסע האַנדשען און צילינדער און געוואָרען „יעקעלע״ אַן עכ־טער „דייטש״. און אָנגעהויבען זיך רייבען דעם רוקען מיט די גוים. מורא־האָבענדיג אז די אמונה זאָל זיי ניט שטערען צו באקומען גלייכבארעכטיגונג גלייך מיט די קריסטען, דעריבער איז זיי פארבליבען אראָפּוואַרפען פון זיך אין גאנצען דעם עול המצוות. אָבער וויסענדיג אז די פרומע אידען וועלען זיך ניט צוהערען צו זיי, איז איינער פון זייערע חברה געפאַלען אויף א שפיצעל אָפּצו־דרוקען אַ פאַלשען ספר אויפ׳ן נאָמען פון ראש. און האָט דעם ספר א נאָמען געגעבען „בשמים ראש״. דער ספר איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין בערלין, אין יאָהר 1793. אין דעם ספר האָט מען אריינגעשמוגעלט אפיקורסת און נייע ריפורם וואָס זיי האָבען געוואָלט איינפיהרען אין יענער צייט. עס ווערט גע־זאָג אין דעם ספר למשל: אז עס איז מותר אורז וקטנית בפסח, מען מעג סתם טרינקען די וויין און מילך פון די קריסטען, און מען מעג זיך גאָלען מיט אַ סכין ותער, מען מעג פאָרען אין אַ וואָגען אום שבת, ניט פאַסטען אסתר תענית; אָפּפאַסטען מעג מען זיך בעת די זון פאַרגייט א חוץ יום כפור, ניט פאַסטען תשעה־באָב אויב עס איז אַ ברית מילה, און ניט זאָגען די פיוטים.

דער פאַלשער מחבר איז געווען שאול דער זוהן פון ר׳ הרשל לעווין וואָס איז געווען דער רב הכולל בברלין. (ע״ע אוצר ישראל ריפורם) — ארויסגע־געבען האָט ער דעם ספר אונטער דעם נאָמען פון דעם גרויסען ריז רא״ש כדי אָפּצונאַרען מענשען און פארפיהרען דעם כלל ישראל. נאָר די ליבטיגע אויג פון די רבנים אין יענעם דור האָבען גלייך דערקאָנט די פאַלשקייט און אויפגעוויזען דעם פאַרברעכען. פארדאַמט און פאַרניכטעט. ניט קוקענדיג אויף דערויף זיינען די רעפאָרמער אָנגעגאַנגען מיט זייער ארבייט. די אָפּלייקענונג פון אידישען נאַציאָנאַליטעט און דאָס באזעצונג פון אונזער פאָלק ישראל אויף אונזער לאנד — האָט געבראַכט צו כפירה. ווארום נאָך דער מיינונג פון די ריפורמער איז אזוי, כל זמן די אידען האָבען בירגער־רעכט זיינען זיי דאָך ניט אין גלות און זיי דאַרפען שוין ניט וואַרטען אויף ביאת־המשיח זיי אויס־צולייזען פון גלות. זיי האָבען אויסגעמעקט איטליכע אָנדייטונג פון ציון וירושלים פון זייער סדור. די רעפאָרמער האָבען פארזאָגט צו זייערע פריידיגער מבטל צו זיין דעם תענית תשעה באָב, ווארום וואָס דארפען זיי קלאָגען אויפ׳ן

חורבן בית־המקדש, וואָס זיי האָפן ניט אז ער וועט געבויט ווערען? און זיי האָבען געפּריידיגט אז גאָט האָט געטאָהן א צדקה מיט'ן עם ישראל וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישען די אומות העולם צו זיין איין רעליגיעזע גרופּע. דער פאַרעם פון „היכל"־טעמפּל פון די רעפאָרמער איז אוועקגעשטעלט געוואָרען דורך ישראל יאַקאָבזאָהן אין יאָהר 1810 אין זיין הויז אין דער שטאָט זעזען. דערנאָך אין זיין הויז אין בערלין אין יאָהר 1815.

דער ערשטער טעמפּל איז געגרינדעט געוואָרען אין האַמבורג אין יאָהר 1818; מען האָט געדאוועגט אין סדור וואָס די מעהרהייט פון די תפלות זיינען געווען איבערגעזעצט אין דייטש. — דאָס דייטשע שפּראַך איז געווען דער כלי־זין פון די רעפאָרמער; זיי האָבען פאַרשפּרייט צייטונגען, זשורנאַלען, ביכער אין וועלכע זיי האָבען ערקלעהרט זייערע אידעאַלען. די מעהרהייט פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבען קיין שום מאַכט ניט געהאַט זיי צו ענטפערען און אריינגעהן מיט זיי אין אַ וכוח, ווארום זיי האָבען ניט געקענט דאָס דייטשע שפּראַך.

אברהם גיגער, וועלכער איז געווען א פריידיגער אין דער שטאָט וויבאָרן, האָט ארויסגעגעבען א צייטונג אין 1832 אונטער'ן נאָמען: „וויסענשאפטליכע צייטשריפט פיר יידישע טהעאָלאָגיע", ער האָט אין דער צייטונג אַפּעלירט צו די משכילים מיט וויסענשאפט און אויפקלעהרונג אז מען זאָל ארויסטרעטען פאַר אַ מלחמת־מצוה אַנטקעגען דעם שלחן ערוך, גלייך ווי ער וואָלט שטעהן זיי אין וועג פון זייער פרייהייט המדיני. אין יאָהר 1838 ווען די משכילים האָבען אויסגעקליבען אין ברעסלוי גייגער פאַר רב — וואו עס איז געווען דאָרטען הרב טיקטון, דאַן האָט אויסגעבראָכען א גרויסע מחלקה צווישען זיי, די רבנים פון שליזיא זיינען געווען על צד טיקטון און מיט זייער הילף איז ער פאַרבליבען רב אין ברעסלוי און גייגער'ן האָט מען אנטזאגט. א. גייגער האָט זיך ניט איינגעשטילט און האָט אויסגעגאָסען זיין גאַנצען כעס אויף זיין געגנער און אויף די אָרטאָדאָקסען.

אויף דעם צוזאמענפאָר פון די רבנים אין די שטעט ברונשוויג, פראַנקפורט ובּרעסלוי (1844־6) זיינען געקומען די מעהרהייט רעפאָרמער רבנים און אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבען ניט געוואָלט מיט זיי האָבען קיין וכוח און זיינען ניט געקומען. די רעפאָרמער האָבען פון אָנפאַנג אליין ניט געוואוסט וואָס זיי ווילען, און האָבען ניט געקענט אויסקלייבען די עקרים און די יסודות פון זייער מאָדערנער יהדות. איין רעיון האָט זיי צונויפגעבונדען און דאָס איז אַז עס איז געקומען די צייט גרינגער צו מאַכען פאַר זיך דעם על התורה והמצוה. און דורך דעם וועלען זיי מאַכען גרינגער דעם גלות צו זיין צונויפגעבונדען מיט זייערע שכנים, די קריסטען, בנוגע לעניני המדינה. פון אָנפאַנג האָבען זיי געוואָלט אָפּלייקענען תורה שבע"פ, נאָר זיי האָבען געזעהן אז מיט דערמיט וועלען זיי זיין גלייך צו די „קראים" וועלכע זיי האָבען זיי מקדים געווען; האָ־

בען זיי געמאכט אן אונטערשייד אין תורת משה צווישען די חוקי המוסר און צווישען חוקים צירימוניים, און זיינען געקומען צום אויספיר אז די אידישע תורה איז אין זייער האנט כחומר ביד היוצר און קענען אויסקלייבען וואס זיי ווילען, און מבטל זיין דאס וואס זיי געפעלט ניט נאך דער צייט נאך. כאטש זיי האבען ניט געגלויבט אין תלמוד און אין פוסקים ושו״ע פון דעסטוועגען האבען זיי אפטמאל געבראכט ראיות צו זייערע רייד פון חז״ל.

אויפ׳ן צוזאמענפאר האבען די רעפארמער ראבינער פון דייטשלאנד געמאכט ענדערונגען אין דער אידישער רעליגיע; זיי האבען אפגעשאפט ציצית ותפילין, מבטל געמאכט ברכת כהנים אין די שוהלען, נאר דער פריידיגער מעג בענטשען דאס פאלק מיט ברכת כהנים. מען האט אנגענומען באשלוסען, אז דאס אידישע געזעץ מוז זיך צופאסען צו דעם מלוכה געזעץ, אז מען קען אויך דאוונען אין דער לאנד־שפראך, און אז אלע תפלות וועגען ציון זאלען אויסגעשלאסען ווערען. אויך די שווערע דינים וועגען שבת־רוה זאלען פארלייכטערט ווערען, און נאך אנדערע רעפארמען אין דעם דאזיגען גייסט.

* * *

די פרומע רבנים האבען שטארק באקעמפט אט די רעפארמען און די רעפארמער — דורך זייערע דרשות אין די שוהלען. דערקלערענדיג אז די רעפארמער זיינען אפיקורסים, וואס וועלען נאך פארגרעסערען די שמד באוועגונג. נאר אין אן אפענעם דיספיוט זיינען זיי ניט ארויסגעטראטען מיט די רעפארמער, ווייל זיי האבען ניט געקענט פאלקאם די דייטשע שפראך. אבער די ארטאדאקסישע רבנים, וועלכע האבען געענדיגט אוניווערסיטעט, האבען דערזעהן אז עס איז א געפאר פאר יודאאיזם אויב זיי וועלען ניט באקעמפען די רעפארמער און אויך נוצען די זעלבע כלי־זין: וויסענשאפט און א ריינע דייטשע שפראך. אן דער שפיץ פון די קעמפער אנטקעגען די רעפארמער זיינען געווען: ר׳ יצחק בערנייס רב הכולל בהאמבורג, וועלכער האט פראטעסטירט אנטקעגען זייער טעמפל וואס זיי האבען געגרינדעט מיט זייערע תפלות וואס קומט דארטען פאר און צונישט געמאכט אלע זייערע אויפטוהונגען. און דער געעהרטער רב מיט זכריה פראנקל האבען געגרינדעט א סעמינאר אין ברעסלוי, כדי צוצוגרייטען געלערענטע רבנים וואס זאלען אפהאלטען דעם שטראם פון ריפורם.

דער שטארקסטער געגנער פון רעפארם־באוועגונג איז געווען דער געבילדעטער, באגאבטער ארטאדאקסישער רב ר׳ שמשון רפאל הירש, וואס האט געקראגען אויך אוניווערסיטעט בילדונג און איז דאך געבליבען אן ארטאדאקסישער איד. ער האט מיט זיין רעדעס־קראפט און וויסענשאפט מבטל געמאכט, פארדאמט און פארניכטעט זייער מאדערנעם יודאאיזם. ער האט געהאלטען, אז

מיר אידען דארפען צופאַסען ניט רעליגיע צום לעבען, נאָר דאָס לעבען צו אונזער רעליגיע. אויך האָט ער געגרינדעט אין פראַנקפורט אַ פּאַרטיי פון נייע אָרטאָדאָקסען, וואָס האָט שטאַרק געקעמפט קעגען די רעפאָרמער.

* * *

## הריפורם באמעריקא.

די רעפאָרמער האָבען געוואָלט איינפלאַנצען זייער מאָדערנעם יודאַאיזם איז האָלאנד און אין אַנגליע. נאָר דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. אָבער אין אמעריקע האָט זיי אָפּגעגאָלטען. דער ערשטער טעמפּל האָט זיך געעפענט אין טשאַרסלטאָן אין 1825. די תלמידים פון ליאופולד: שטיין ויוסף אויב, זיינען געקומען צו אמעריקע אין די יאָהרען (1810־1850). זיי האָבען געגרינדעט קהלות ריפורם, אין ניו־יאָרק: טעמפּל־עמנואל, בבאַלטימאָר—„הר סיני" און אין סינסינאַטי—„בני ישורון". דער נאָך זיינען געקומען די פריידיגער הריפורמים: דוד איינקאָרן, שמואל אדלער, שמואל הירש, און נאָך זיי: היבש, יאסטראָוו און סאָלד; יצחק מאיר ווייז, מנחם לילענטהאל, עמיל הירש פענזענטהאל, קאָהלער פּיליפּסאָן ושמואל שולמאַן. הריפורם האָבען באשטימט און מתיר געמאכט פילע ספיקות וואָס איז געווען א ספק ביי די ריפורמים האשכנזים, למשל: שאלות בשר וטריפות וענייני גט'ען וחליצה א. ז. וו. אין יאָהר 1869 האָבען זיך צונויפגעזאמעלט י"ג רבנים ריפורמים בפילאדעלפיע און זיי האָבען באַשטימט אז עס איז ניטאָ וואָס צו האָפען אויף צוריקקעהר פון גלות אין ארץ ישראל, נאָר מען דאַרף האָפען אויף א גאולה רוחנית, די פארשפרייטונג פון די אידען איבער'ן ערד־קוגעל איז נאָר צוליב דעם צו פארשפרייטען אחדות־הבורא און דאָס איז זייער מיסיאָן. — אויף זייער צוזאמענפאָהר אין יאָהר 1885 וואָס אָן דער שפּיץ איז געוועזן קאָהלער, האָבען זיי באשטימט אריינצונעמען פאַר אידען גרים ניט ג'מל'טע. (ע"ע אספות).

די ריפורם אין אמעריקע איז הפקר, איטליכער רב אין זיין קהלה מאַכט זיין פּראָגראַם ווי איהם געפעלט, מען זאָגט, אז עס איז דאָ אַ טייל „ראַבטשי־קעס" וואָס זיי האָבען נאָך ניט קיין פּראַקטיקע אין לעבען, זיי ווייסען נאָך ניט די וועלט. זיי גיבען זיך ניט אָפּ קיין שום דין וחשבון, אינם כואבים על שבר בת־עמם, זיי זעהען נאָר געפעליג צו ווערען אין אַ שטאָדט צו עטליכע פּראָסטע אָלרייטניקעס, כדי צו מאכען וואָס מעהר געלט — פּיהרען זיי איין דעם מאָ־דערנעם יודאַאיזם, כדי צו באַקומען חן אין די אויגען פון זייערע מעמבערס, כאָטש זיי אליין ווייסען אַז אַלעס וואָס זיי טוען איז נאַריש. צווישען די רעפאָר־מער רבנים איז אַ צומישונג, ניטאָ קיין שום סדר. דער גאנצער כח זייערער באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי צוברעקלען, קירצען די סדורים און הגדות. עס מישט זיך די הגדה ביי זיי פון לינקס צו רעכטס, מיט אַ האַלבען קידוש ארויס־געוואָרפען, מיט די עשר מכות צוגע'גנב'עט, אפילו „חד גדיא" אויך ארויס־

געוואָרפען פון דער הגדה. „כי בנו בחרת ואותנו קדשת״, אויך ארויסגעוואָרפען. כמעט אלע רעפאָרמער היטען ניט יו״ט שני של גליות אויך יו״ט ראשון און יום השבת היטען זיי ניט. אַנדערע ראַבּייס לייגען אָפּ שבת אויף זונטאָג, וואַרום די מעמבּערס פון זייער קהלה זיינען כּארגומען שבת מיט זייערע ביזנעס און זונטאָג פארגעסען זיי צו קומען. און די וואָס קומען הערען שבת זייערע דרשות זיינען אַלטע לייט און אויך יאָהרצייט מענשען. נאָר אזוי ווי די רעפאָרמער האָבּען דערזעהן אויבּ זיי וועלען דרשנ׳ען זונטאָג וועלען אפילו ניט קומען די אלטע און די פרויען, האָבּען זיי אָנגעהויבּען פריידיגען אום שבת. מען זאָגט אז עס איז דאָ אין אמעריקע אייניגע רעפאָרם שוהלען וואָס זיינען אַ גאַנצען יאָהר כמעט פארשלאָסען א חוץ ראש השנה און יום כפור. נאָר וואָס קימערט דאָס דעם רבּי׳ן, אַבּי זיין געהאלט באַקומט ער.

די רעפאָרם ראַבּייס האָבּען בּטל געמאכט קריאת־התורה. נאָר בּיי זיי איז דער עיקר אַן אָרגעל מיט אַ כאָר פון קריסטליכע מיידלאך. מען זאָגט אז פילע פון די רעפאָרם ראַבּייס היטען זיך אפילו ניט אָפּ פון טרפת. וואָס איז שייך אין די עניני גט׳ען פארלאָזען זיי זיך אויפ׳ן געזעץ פון לאַנד. בכלל איז כמעט ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען זיי און זייערע שכנים די קריסטען בעלי האוניטריאנים, וועלכע גלויבּען אין אחדות־הבורא. (ע״ע אוצר ישראל).

די קהלות פון די ריפורם אין אמעריקע האָבּען זיך געמעהרט בּפרט בּערי ארצות המערב, דורך די תלמידי הקוליג בסינסינאטי.

אויך איז דאָ אַ טייל קאָנסערוואַטיווע שוהלען, כאָטש זיי האָבּען ניט געענדערט קיין זאַך פון זייער סידור התפלה און היטען 2 טעג של יו״ט, דאָך זיצען אויך בּיי זיי אין שוהל מענער מיט פרויען צוזאמען און דער פריידיקער בּענטשט זיי מיט בּרכת כהנים. עס איז א וואונדער, אין דייטשען ריפורם טעמפּל וואו עס געפינען זיך אן אָרגעל מיט אַ כאָר פון קריסטליכע מיידלאך, פון דעסטוועגן זיצען די ווייבּער באזונדער אין עזרת נשים, אָבּער די רבּני הסמינאַר קוקען ניט אויף דערויף און רופען זיך אָן ריכטיגע אָרטאָדאָקסטען. פאַר דער לעצטער צייט באמערקען מיר שפּאַלטונגען און שוואַכקייט אין דער בּאַוועגונג פון ריפורם.

דער קוואַל פון וועלכען עס האָט זיך אָנגעהויבּען די בּאַוועגונג ווערט פארשטאָפּט. אין די דריי גרויסע שטעדט אין דייטשלאנד: אין האמבּורג, וואו עס האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער טעמפּל אין יאָהר 1818, בּ׳פּ׳פּ׳ד״ם, וואו עס האָט זיך געגרינדעט דאָרטען „פעראיין דער רעפאָרם־פריינדע״ אין יאָהר 1843, און אויך דער טעמפּל אין בּערלין, אין יאָהר 1844 — אָט די אלע דריי פעסטונגען זיינען געפאלען. די אורתודוקסיא שטאַרקט זיך אין זיי פון יאָהר צו יאָהר און פאַריאָגט זיי. אויך אין אמעריקע האָט זיך אָנגעהויבּען די ריפורם צו קייקלען זיך בּאַרג אראָפּ בּערי המזרח. אין רוסלאַנד וואָס אמאָל

זיינען דאָרטען געווען 8,000,000 אידען האָט דער רעפאָרם קיין שום באַדען ניט געהאַט אונטער זיך און קיין שום ראָל ניט געשפּילט. די ריכטיגע משכילים האָבען דעם רעפאָרם פאַרמיאוסט.

* * *

דער „טאָג״ פון 1943, שרייבט וועגען רעפאָרם טעמפּל „בית ישראל״ אין יוסטאָן, געפּעהרליכע נייעס, וואָס האָט געמאכט ציטערען פילע אידישע הערצער: רעפאָרם טעמפּעל „בית ישראל״ אין יוסטאן, טעקסעס, — דער אידישער געמיינדע־ראַט אין יוסטאן האָט היינט צוגעשיקט צו דער „אידישער טעלעגראפען אגענטור״ די פאָלגענדע מעלדונג, וועגען דעם באשלוס פון דעם רעפאָרם־טעמפּל „בית ישראל״ וואָס האָט גוטגעהייסען די „פונדאַמענטאלע פּרינציפּען פון רעפאָרם — אידישקייט״. „די קאָנגרעגיישאָן בית ישראל פון יוסטאָן, טעקסעס, האָט ביי א ספּעציעלער פאַרזאמלונג פון איהרע מיטגלידער וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען, באַשלאָסען מיט זעקס הונדערט און דרייסיג צוויי צו 168 שטימען גוטצוהייסען די האַנדלונג פון דעם דירעקטאָרען־ראַט מיט צונעהמען די פונדאמענטאלע פּרינציפּען פון דער קאָנגרעגיישאָן. די דאָזיגע פונדאמענטאלע פּרינציפּען צייכענען אָן די מאָדערנע רעפאָרם־אידישקייט און זיינען די באַזע ביים שטימען וועגען נייע מיטגלידער.״

א שארפע פאַרדאַמונג פון דער רעפאָרם קאָנגרעגיישאָן „בית ישראל״ אין יוסטאָן, טעקסעס, פאַר גוטהייסען די „פונדאַמענטאלע פּרינציפּען״ לויט וועלכע אלע, וואָס היטען־אָפּ כשרות און די פאָרשריפטען פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט, קאָנען דאָרט ניט ווערען קיין מיטגלידער מיט שטימרעכט. איז דאָ היינט געמאכט געוואָרען אין אַ סטייטמענט פון ראבּיי ישראל גאָלדשטיין, פּרעזידענט, פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ראבּיי גאָלדשטיין באַצייכענט דעם באשלוס אלס חוצפּה, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון די אידישע קאָנגרעגיישאָנס אין אמעריקע.

פון דאָס אויבענדערמאָנטע זעהן מיר ארויס ווי וויט מענשען קענען אזוי נידעריג פאַלען. אמעריקאנער רעפאָרמער האָבען געקעמפט פאַר זייערע פאַלשע אידעאלען, אבער קיינמאָל זיך ניט ערקלערט חו״ס אלס סעקטע, אזוי ווי טעמפּל „בית־עשו״ אין יוסטאן האָט אָפּגעטאָן איצט — קורזיכטיגע מענשען, מיט קליינע השגות — זיי זיינען געוואָרען א סעקטע, דאָס הייסט זיי זיינען קינדער ניט פון אידישען פאָלק. פון סעקטעס האָבען מיר אידען געהאַט אלע מאָל פיל צרות אויסצושטעהן, אָנהויבענדיג פון די שומרונים ביז די לעצטע, די פראַנקיסטען. אמת די סעקטע איז קליין, אָבער פון א געשוויר ווערט אמאָל אַ מכה... א חוץ וואָס זיי האָבען זיך אָפּגעריסען פון אידישען פאָלק מיט זייער חוצפּה׳דיגען ארויסטריט זיינען זיי נאָך מעהר געפערליך מיט זייער קאַמף קעגען דאָס רעכט פון אידען אלס פאָלק. זיי זיינען געפערליך, אזוי ווי די

גרויסע און קליינע קראָקאָדילען, וואָס געפינען זיך ארום דעם וואסער־פאָל אין אפריקע. זיי ליגען ווי צוגעשמידטע, צוגעוואַקסענע צו די זומפּען פון די ברעגעס, אָבער זיי זיינען געפערליך, זייער ביס איז טוידט! נבלה עשה בישראל. אלזאָ, משכילים, רבנים, ראַבייס, איך אַפּעליר צו אייך צו פּראָטעסטירען, פאַרדאַמען די סעקטע און פארניכטען.

## דרוש אודות נסים בימים הקדמונים ובזמן הזה.

(די רעדע האָב איך געהאַלטען אין טאָראָנטאָ, אין לאָנדאָנער שוהל).

א״ל רב פפא לאביי מאישנא (קמאי) [ראשונים] דמתרחיש להו ניסא ומאישנא אנן דלא מתרחש לן ניסא. אמר ליה קמאי הוו קאמסרי נפשייהו אקדושת השם. — האָט געפרעגט רב פפא צו אביין פאַר וואָס מיט אונזערע עלטערען האָט זיך געטראָפען נסים, און מיט אונז טרעפט זיך ניט קיין נסים? ענטפערט ער איהם אז אונזערע עלטערען האָבען זיך מוסר־נפש על קדושת־השם.

(פרק שלישי ברכות).

געעהרטע פאַרזאַמלונג:

אונזער סידור האָלט אויף ניט נאָר תפלות ובקשות צו גאָט, נאָר האָלט אויך אויף פיל היסטאָריע. די פּראַכטפולע שירה „אָז ישיר משה״ דערצעהלט אונז וועגען די נסים ונפלאות וואָס גאָט האָט געטאָהן מיט אונזער אידיש פאָלק. מיר בלעטערען ווייטער דעם סידור׳ל און מיר לייענען „על הנסים״ וועגען חנוכה און פורים. אויך נסים האָבען באוויזען דורך גאָט איינצעלנע מענשען: נביאים, צדיקים, נסים — פון היינטיגע צייטען — דאָס אלעס וועלען מיר ארומריידען מיט שעהנע משלים און מעשה׳לעך.

מיר אידען פייערען פסח, ווייל גאָט האָט מיט אונזער פאָלק געטאָן נסים און האָט אונז דורך משה׳ן ארויסגעצויגען פון מצרים. אין חודש ניסן איז דאָס אידישע פאָלק באפרייט געווארען פון שקלאַפעריי. ארונטערגעוואָרפען די קייטען פון אונטערדריקונג און קנעכטשאפט און מיט שטאָלץ און ווירדע האָבען די אידען פארלאָזען דאָס שקלאַפען־לאַנד — מצרים.

— „רעד, איך בעט, אין די אויערען פון דאָס פאָלק, אז זיי זאָלען אָנלייען איטליכער פון זיין פריינט, און איטליכע פרוי פון איהר פריינדין, זילבער און גאָלד־געפעס״. האָבען געזאָגט דערויף דבי ר׳ ינאי, וואו עס שטעהט „נאָ״ — איז לשון בעטען, האָט געזאָגט גאָט צו משה׳ן איך בעט דיך געה זאָג די אידען, איך בעט אייך, לייהט פון די מצרים זילבער און גאָלד־געפעס. כדי יענער צדיק (אברהם) זאָל ניט זאָגען מען האָט זיי „געמאַכט אַרבייטען און פּייניגען״ דאָס

האָט ער מקיים געווען און דערנאָך וועלען זיי ארויסגעהן מיט גרויס פארמעגען האָט ער ניט מקיים געווען. האָבען די אידען געענטפערט משה'ן הלואי זאָלען מיר אליין ארויסגעהן — דאָס מיינט מיר וועלען ארויסציהען גאַנץ אונזער קאָפּ פון דעם לייב'ס מויל דאָס וועט זיין אונזער באלוינונג. עס איז א משל וועגען אַ מענשען וואס איז געזעסען פארשפּארט אין תפיסה, האָט מען איהם געזאָגט מאָרגען וועט מען דיר ארויסציען פון תפיסה און מ'וועט דיר געבען פיל געלט, האָט ער זיי געענטפערט—„זייך בעט אייך, מאַכט מיך פריי היינט, און איך בין אייך מוחל דאָס געלט". (ברכות ט').

בעת דער אידישער הימעל האָט זיך פארוואָלקענט און די אידישע שיפעלע האָט זיך דערפילט אין קלעם צווישען די וואַהלען פון א ים מיט צרות — גע־נומען פון קנאָה, שנאָה, האס פון די מצריים צום אידישען פאָלק, וועלכע האָבען געבראַכט פאר'ן פאָלק ישראל פארפאָלגונג, אונטערדריקונג, פארשקלאַפונג און פארניכטונג — אויף אזוי וויט אז דאָס אידישע יוגענד, וועלכע האָט געקענט ברענגען די צוקונפט פאר די אידען פון באפרייאונג פאַר וועלכע די פרעה'ס האָבען זיך געשראָקען, איז די יוגענד אינ'ם מאָמענט פון זיין געבוירען אינ'ם ים פון אומקום געוואָרפען געוואָרען: דוקא אין מאָמענט פון העכסטער פארצוויפ־לונג האָט אַ שיין געגעבען אַ שטראַל פון אונזער הימעלשער ליכט און דוקא פון אָט דעם ים פון אומקום האָט דער רבונוש"ע אונז געשיקט די רעטונג, „כי מן המים משיתיהו" — און אויסגעוואקסען איז פון דעם דער גרויסער משה רבנו ע"ה. און אין מאָמענט פון פארצווייפלונג, האָפנונגסלאָזיגקייט, מקוצר רוח ומעבודה קשה... האָט ער אויף דעם זאָג פונ'ם בורא ב"ה פון איין זייט צו זיין פאָלק גערעדט — אָפילט — און צו זיין אידישען באוואוסטזיין גערופען. און פון דער צווייטער זייט באגלייט פון זיין ברודער אהרן האָט ער פון די פארפאָלגער, אונטערדריקער, די באפרייאונג פון זיין פאָלק געפאָדערט...

און נאָך פיל מכות, אַנשיקעניש און שלעק אויף די קעפּ פון די מצרים, אין דעם מאָמענט בעפאָר די גאולה: איז געקומען דער אויבענדערמאָנטער „דבר נאָ באזני העם" פון דעם בורא ב"ה, מיט דעם שלא יאמר אותו צדיק, איז דאָך א פראגע צו דען טוט גאָט אלץ צוליב'ן צדיק, אויב דער צדיק וועט ניט זאָגען וועט גאָט ניט מקיים זיין דעם צוזאָג? דאָס אלעס וועלען מיר ער־קלעהרען מיט א משל:

עס איז געווען א „מיינער", זעהר אן ארענטליכער מענש, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פעהיגקייטען, אָבער קיין מזל האָט ער ניט געהאט, געארבייט שווער מיט'ן קערפערליכען שוויס און מיט די מאָזאָליעס אויף די הענט, און קוים אַ שטיקעל ברויט פארדינט צום לעבען פאר זיין פאַמיליע. דעם אומגליקליכען מאן האָט באגעגענט זיינער א לאנדסמאַן, א באוואוסטער פילאַנטראָפּ, אַ מיליאָנער. האָט ער איהם דערקענט, רחמנות געהאט אויף איהם און באפרייט איהם פון זיין שקלאַפעריי; געגעבען א הויכע שטעלע מיט א

גרויסען געהאלט, אָבער דער „מיינער" איז געווען איבעראַשט פון דאָס אלעס און דאַנקבאַר, אז ער האָט געארבייט פון אינדערפריה ביז שפעט אין דער נאַכט, און האָט גאָר ניט הנאָה געהאט פון זיין לעבען, ווארום ער האָט געננו־מען גאָר אביסעלע פון זיין געהאלט און מוחל געווען אויף דאָס איבעריגע.

דאָס האָט באמערקט אַ מאַן, אַ גוטער מענש, וואָס איז געווען א בן־בית ביי דעם רייכען, און האָט געזאָגט דעם „מיליאָנער", אז ער זאָל זעהן צאַמען דעם „מיינערס" פלייסיגקייט און דאַנקבאַרקייט און זעהן ער זאָל נעהמען אינ־גאנצען זיין געהאלט, ווארום ער קען פון זיין פיהרונג חו"ש אונטערגעהן.

דער פילאַנטראָפּ, וועלכער האָט דאָס גאָרניט באמערקט, האָט אזוי געטאָן און דאַן האָט זיך דער „מיינער" דערהוילט און איז ארויס צום סוף ברכוש גדול.

אזוי איז דאָ אויך פאָרגעקומען: „בני יעקב" זיינען ביי זיך געפאַלען ברוח אין מצרים, זיי ארבייטען דורך טאָג און נאַכט און ווערען פארשווארצט פון רויך און טשאַד, צוגלייך מיט די מאַשינעס פון פעקטאָרי, אַלזאָ זיינען זיי אי־בעראַשט מיט דער בשורה, אז זיי ווערען פריי און זיי זיינען מוחל אויף די צוגעזאָגטע גוטס „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול". איז ווי באלד אזוי איז גאָט פטור על פי דין, אָבער וואו איז יושר?

דאַן קומט זייער גוטער פריינט אברהם און זאָגט רבונוש"ע „ועבדום וענו אותם" האָסטו מקיים געווען און „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" ביסטו געשטאַ־נען פון ווייטען. גוט זיי זיינען מוחל, אָבער דו רבונוש"ע דארפסט ניט דער־לאָזען דערצו, זיי האָבען דאָך כשר פאַרדינט מיט זייער שווייס און בלוט, אלזאָ האָבען זיי רעכט צו לייען.

דער רבונוש"ע וואָס האָט ליב זיין פאָלק ישראל איז איהם געפעלען אברהמ׳ס געבעט און זעהט אז זיי זאָלען ארויס ברכוש גדול.

* * *

עס איז אויך בולט אין סידור דער נס פון די מכבים: „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול ובניו כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך, וכ׳."

בעת אַ איד זיצט ביי זיך אין הויז מיט זיין פאַמיליע און רוהט אָפּ זיין שווערען טאָג ארבייט, מיטאָמאָל, פּלוצלונג רייסט זיך אריין א „קאַצאַפּ" און הויבט אָן זיך באַלעבאַטעווען ביים אידען אין הויז, שטעלט איבער דאָס מעבעל פון דייגינג רום אין בעד־רום, און פון בעד־רום אין דייגינג רום; דער בעל־הבית אויף אַזאַ פרעכהייט ווערט ער אויפגערעגט, אויפגעקאָכט און כאַפּט דעם „קאַצאַפּ" און ווארפט איהם ארויס פון הויז...

אזוי איז פארגעקומען בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול ובניו — אין דער גליקליכער עפּאָכע בעת דאָס אידיש פאָלק האָט געטראָטען אויף זיין פעסטען באָדען אין ארץ ישראל, ער האָט זיך דאַן ענטוויקעלט, ארויסגעגעבען נביאים,

פאָעטען און דענקער, דאָס פאָעטישע פאָלק פון „שיר השירים“ און קאָסמאָלאָגישען „ברכי נפשי“, האָט געשאפען אַן עמוד האש, אָנגעצונדען אַ פאַקעל פון השכלה צו באלייכטען דעם וועג פון די אומות העולם, איז דאַן אין סאמע ברען האָט זיך אריינגעריסען אין ארץ ישראל דער „קאַצאַפ“ „יון־הרשעה“ געוואָלט מאַכען א תל פון אלעס „להשכיחם תורתך“, איז דאַן האָבען די „יונים“ געקראָגען א טויט־קלאַפ פון דאָס אידישע פאָלק. פריהער האָט זיך געצויגען פריינדליכע באַציהונגען צווישען די אידען און גריכען ביז וואַנען עס איז ארויף אויפ׳ן טראָהן אַנטיוכוס הרשע... איך מוז מאַכען אַ באמערקונג אז די נאַטירליכע און נויטיגע דערנעהענטערונג צווישען די אידען און די קריסטען אויפ׳ן באָדען פון אלגעמיינע אינטערעסען, פלעגט אָפט אריבערגעהן צו א צונויפמישונג פון די אידן מיט די גריכען. עס האָט זיך געגרינדעט א העלעניסטישע סעקטע, וואָס האָט געזוכט איינצופיהרען די גריכישע קולטור אין ארץ ישראל, די טענץ פון אָלימפוס אויף דעם הר־הבית און די דעמאָראליזאַציע פון די אַלטע גריכען אין ירושלים. פייערדיגע העלעניסטען זיינען געווען ישוע־יאזאָן און זיינע נאָכפאָלגער מענעלוס וואָס האָבען די כהונה גדולה געקויפט פאר א גרויסע סומע געלט ביי דעם צורר אַנטיוכוס.

פילע אידישע אידעאליסטען האָבען געוועקט דעם אידען צום נאַציאָנאלען געפיל. דער אידישער חכם יהושע בן־סירא, וועלכער האָט אָנגעשריבען גלענצענדע משלים, „משלי בן־סירא“, איז ארויסגעטראָטען אַלס פייערדיגער קעמפער פאר דער אידישער עמאַנסיפאַציע. אין די לעהרען פון בן־סירא באמערקט זיך אַ שטרעבונג צו ווירקען געגען דער „העלעניסטישער חכמה“ (חכמת יון), וועלכע שטימט ניט מיט די יסודות פון אידענטום. אזוי צום ביישפיל, איז געגען די לעהרע פון די גריכישע פילאָזאָפען, אז עס איז דאָ א שיקזאַל, וואָס באַשטימט די אויפפירונג פון דעם מענשען, שטעלט ארויס בן־סירא די לעהרע, אז דער מענש האָט א פרייען ווילען, און איז אליין פאַראַנטוואָרטליך פאר זיינע מעשים. ער שרייבט: „זאָג ניט: דורך גאָט האָב איך געזינדיגט, גאָט האָט צוערשט באַשאַפען דעם מענשען, און דאַן האָט ער איהם איבערגעלאָזט צו זיין אייגענעם ווילען. פאר דיר איז פייער און וואַסער: קענסט אויסשטרעקען די האַנט וואוהין דו ווילסט. פאר׳ן מענשען איז לעבען און טויט. און וואָס איהם געפעלט דאָס וועט איהם געגעבען ווערען“. נאָר זיינע פערעלדיגע ווערטער האָבען גאָרניט געהאָלפען, אויף א טייל היץ־קעפ פון אמאָליגע העלעניסטען, וועלכע האָבען גע׳פועל׳ט ביי דעם רשע אַנטיוכוס, ער זאָל פארניכטען דאָס גאַנצע אידענטום מיט גזרות רעות.

אַנטיוכוס האָט געוואָלט נויטען דאָס אידישע פאָלק, דורך מאַכט און קראַפט, אז זיי זאָלען אָננעמען זיין געצענדינערישע אמונה, נאָר, ניט קוקענדיג אויף דערויף, וואָס אנטיוכוס הרשע מיט די העלעניסטען האָבען געטראַמפעלט אויף ישראל׳ס הייליגטום, מיט די פיס און פאַרגאָסען אידיש בלוט ווי

וואַסער. זיי האָבען געזעהן מיט גוטען און מיט בייזען אסימילירען דאָס אידיש פאָלק; זיי האָבען מטמא געמאכט כל השמנים; איז דאמאָלסט, אין דער פינסטערער צייט פארבליבען באהאַלטען אַזאַ ריינער הייליגער בוימעל (מונח בחותמו של כהן גדול מתתיהו ובניו און זייערע נאָכפאָלגער) וואָס קיין טמא האנט האָט איהם ניט אָנגערירט, און דער בוימעל ברענט, זיין ליכט ווערט גרעסער און גרעסער און צייגט העלדישע וואונדער אין אלע צייטען.

דער ריינער הייליגער בוימעל — דאָס זיינען אידישע פאַטריאָטען, וואָס געפינען זיך אין איטליכען דור, וועמענס נשמות און הערצער זיינען ריין און הייליג, קיין האנט פון די פעלקער און אסימילאַטאָרען האָט זיי ניט געקענט מטמא מאַכען, און אזעלכע פאַטריאָטען גלויבען ביז מסירת נפש אין דער הייליגקייט פון דער תורה און איהרע מצוות, אַ דאַנק דעם דאָזיגען ביסעלע ריינעם בוימעל ווערען די תורה ומצוות אויפגעהאלטען, און די ליכט ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. דער גרויסער צדיק און חכם מתתיהו החשמנאי מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודא, אליעזר, יונתן, און נאָך אַנשי־קודש — הייליגע פאַטריאָטען, האָבען געקעמפט ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט פאר דער עקזיסטענץ פון זייער פאָלק, אמונה, תורה און לאַנד, און האָבען דורך אַ נס מיט גאָט׳ס הילף מנצח געווען די פילע שטאַרקע יונים און דאָס אידיש פאָלק איז פארבליבען א פריי פאָלק אויף זיין הייליג לאנד.

און מיר אידען דארפען וויסען, עס איז ניט דער יום־טוב חנוכה אויף נאָר עסען לאַטקעס און זיך פרעהען מיט די אמאָליגע מכבי׳ער. מיר מוזען אין זיך אויסשמידען יענע כוחות און יענעם קוראַזש, מיט וועלכע די אמאָליגע יהודה׳ס האָבען געקעמפט, מיר מוזען נאָכטאָן זייער ביישפּיל, ניט נאָר דאָ, נאָר אין אלע לענדער, וואו מיר ווערען אויפגעצוואונגען דאָס צו טאָן.

* * *

דער נס פון פורים איז א וואונדערליכער. אויפגעשטאַנען א המן הרשע אָנגערעדט אויף אידען פאר׳ן קיסר אלדאָס־בייז וזה לשונו: ישנו עם־אחד מפזר ומפרד בין־העמים וכו׳. — עס איז דאָ א פאָלק וואָס וואַנדערט ארום אזוי ווי די ציגיינער אין די ביידלאך אונטער׳ן בלאָען הימעל און דעם דת (לאָו) פון קיסר היטען זיי ניט, זיי האָבען זייערע אייגענע חוקים ומשפטים, זיי גראָבען אונטער דעם עקזיסטענץ פון דער מלוכה און עס איז ניט ווערט מען זאָל זיי לאָזען לעבען... — ווער איז נאָך באגלויבט ביים קיסר ווי המן! האָט דער קיסר דאַן אראָפּגענומען זיין רינג פון זיין האנט, און האָט עס איבערגעגעבען המן, דעם זוהן פון המדתא, דער אגג׳ער, דער אידען־פיינד, המן זאָל חתמנ׳ן אויסצוראָטען, צו הרג׳ענען און אונטערצוברייננגען אלע יהודים פון יונג ביז אַלט, קינדער און פרויען, אין איין טאָג. שטעלט זיך פאָר די אידישע טראַגעדיע: דאָס פאָלק איז מאכטלאָז, ניט דיסציפּלינירט, אָהן כל־זין זיך צו באַשיצען אַנטקע־

געז דעם שונא... און אַט באַלד פאַלען אַן די מערדער און קוילען זיי אויס חו״ש אזוי ווי די שאַף. וואָס זאַל מען טאַן? אַט דאָס גיט אונז א רמז די גמרא אין דער מגילה: גדולה הסרת הטבעת של אחשורת יותר מארבעים ושמנה נביאים — אַט דאָס וואָס דער קעניג האָט אראָפּגענומען דעם טבעת צו חתמ׳ענען די גזירה האָט געהאט א סך פיל גרעסערע ווירקונג אויף די אידען ווי די אַכט־און פערציג נביאים וואָס האָבען געפּרעדיגט מאָראַל, ווארום אידען האָבען זיך גענומען פאר אלטע כלי־זין: תשובה, תפלה וצדקה — עס איז געווען פאר די יהודים א גרויסער טרויער, אַ פאַסט־טאָג און געוויין; אַ זאַק מיט אַש איז אונטערגעלעגט געווען פאר פיעל. דאָס האָט געהאָלפען, עס איז געשעהן אַ נס דורך אסתר המלכה. דאָס פאָלק איז געראַטעוועט געוואָרען און די שונאי־ישראל זיינען אומגעקומען. און די טעג פון פורים וועלען ניט אונטערבראָכען ווערען ביי די יהודים און זייער עראינערונג זאָל ניט אויפהערען ביי זייערע קינדער, ווייל אין מגלת אסתר ווערט איבערגעגעבען א אידישע טראַגעדיע, וואָס האָלט זיך אין איין ווידערהאָלען דורך אלע דורות אין דעם לאנגען אידישען גלות. דער פורים איז א סימבאָל פון דעם אידישען לעבען איבעראל, און אויך אַ באַווייז, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט אימער בלייבען לעבען, ווייל הקב״ה וישראל ואוריתא חד הוא.

* * *

נסים האָבען באוויזען איינצעלנע מענשען: אליהו הנביא, אלישע הנביא. אליהו הנביא, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין אַרט לעבען און קליידונג, אַ פעלץ מיט א גאַרטעל, זיין וואוינונג אין אַ הייל, הימלאַז, און די עורבים שפּייזען איהם — טרינקט וואַסער פון דעם קליין טייכעל, און נאַכהער איז דאָס טייכעלע אויך אויסגעטריקענט געוואָרען. אַט דער נביא האָט אין זיך געהאט אַ געהיימע געטליכע קראַפט וואָס ער האָט געקענט מחיה מתים זיין. די עלענדע פרוי אין צרפת, וואָס קלייבט דאָס האָלץ און באַדינט אליהו׳ן, איז איהר זוהן געפערליך קראַנק געוואָרען, אז ער האָט שוין קיין אָטעם ניט געהאט; די מוטער האָט געיאָמערט און געזאָגט, אז דער געטליכער מאַן איז געקומען אין איהר הויז צו דערמאָנען איהר זינד און טויטען איהר קינד. האָט דער נביא גענומען דאָס קינד פון איהרע הענט און ארויפגעטראָגען אין אויבערשטיבעל, דאָרט וואו ער האָט געוואוינט און אוועק געלעגט איהם אויף זיין בעט און האָט תפלה געטאָן, האָט זיך דריי מאָל אויסגעצויגען אויפ׳ן קינד בעטענדיג גאָט ער זאָל לעבעדיג ווערען. גאָט האָט צוגעהערט אליהו׳ס שטימע און דאָס קינד האָט אָפּגעלעבט און געזונט געוואָרען.

דער נביא אלישע בן־שפט, וועלכען אליהו הנביא האָט געזאָלבט פאַר אַ נביא פאַר זיין שטעלפאַרטרעטער האָט אויך מחיה־מתים געווען אין שונם — דעם זוהן פון שונמית. אפילו מענשען פון פרעמדע פעלקער פלעגען פאָהרען

זיך היילען צו איהם. נעמן, פעלדמארשאל ביים קעניג פון ארם, איז געווען אַ קרעציגער, איז ער געפאָהרען זייך היילען צו דעם נביא אלישע׳ן. אלישע האָט צו איהם געשיקט א מאַן זאָגען אז ער זאָל זיך וואַשען זיבען מאָל אין ירדן וועט זיין קערפער צוריק ריין ווערען. נעמן האָט זיך איינגעטונקט אין ירדן זיבען מאָל, ווי דער געטליכער מאַן האָט געהייסען, איז זיין לייב געווארען ריין ווי דאָס לייב פון א קליין קינד. אלישע האָט זיך ענטזאגט צונעמען פון נעמן קיינע מתנות און געזאָגט ער זאָל געהן אין פרידען. — גיחזי, דעם געט־ליכען מאַנ׳ס דינער, איז נאָכגעלאָפען נאָך נעמן׳ען און גענומען איין מתנה פון איהם. דערפאר האָט דער נביא אלישע פאַרשאָלטען גיחזי מיט צרעת.

וואונדערט מיר די זאַך זעהר, אמת טאַקע עס איז ניט די צייט צו נעהמען מתנות, מען מוז מקדש השם זיין ביי אַזאַ זאַך, אָבער גיחזי האָט יע, גענומען, באַגאַנגען א חטא, קומט איהם דען צו פארשעלטען מיט צרעת? און ווי פאַסט זיך פאר א נביא צו שילטען? נאָר דאָ איז פאָרגעקומען עטוואס אנדערש, דער נביא אלישע האָט ניט געשאָלטען גיחזי! — אונזערע הייליגע חכמים ז״ל לער־נען אונז איין כלל אין מקרא יוצא מידי פשוטו, דאָס הייסט אין גאַנץ תנ״ך באַ־דאַרף מען פריער זעהן צו פארשטעהן גוט דעם פשט און נאַכהער קען מען ערשט אָנפאנגען קלערען טיפער אויף די אנדערע דריי אופנים פון דעם היי־ליגען לימוד וועלכע בכלל ווערען זיי אָנגערופען פרד״ס דאָס איז געמיינט איין ראשי תיבות פריער פשט נאַכהער רמז, דרוש, סוד, דאָ וועלען מיר ברייגנען די שווערע פראַגען פון די פשטנים, היינו, ערשטענס ווי דער פשוט׳ער שכל ווייזט, האָט דער גיחזי גאָרניט אזוי שטאַרק פארזינדיגט דערמיט וואָס ער האָט גענומען פון נעמן די מתנה, דאָס עס זאָל איהם קומען דערפאר אַזאַ שווערען עונש אויף קינדס־קינדער. צווייטענס, ווי אזוי פאַסט גלאַט דאָס אַ צדיק זאָל שילטען. אין מסכת סנהדרין, דערצעהלט רבי יוחנן אויף גיחזי אַנדערע דריי חטאים. היינו, ער האָט צורעכט געמאכט מיט אַ מאַגנעט עס זאָל שטעהן אין דער לופטען די גאָלדענע קאַלב וועלכע ירבעם בן נבט האָט אוועק־געשטעלט פאַר איין עבודה זרה פאַר די ישראל אָדער ווייל אין מזיל ביי איהר האָט ער אויסגעקריצט איין שם און זי האָט געשריען די ערשטע צוויי מצוות פון עשרת הדברות. אָנכי. ולא יהיה לך. און אַ טייל זאָגען, זיין חטא איז געווען ווייל ער פלעגט ניט אריינלאָזען די תלמידים לערנען ביי אלישע. דריטענס, איז קשה ווארום אין תחלת איז נעמן ניט אריין צו אלישע אַז דער פסוק זאָגט, ויבא נעמן וג׳ ויעמד פתח הבית און ווי ער איז געזונט געווארען איז ער יאָ אריין. ווי עס שטעהט: ויבא ויעמד לפניו. פערטענס, עס שטעהט, אלישע האָט געזאָגט צו גיחזי: העת לקחת וגו׳ וצרעת נעמן תדבק וגו׳, דאָס טייטש—איז דען איצטער די צייט צו נעמען פון איהם געלט און קליידער און די צרעת פון נעמן וועט זיך אָנקלעפען צו דיר. נו, שיקט זיך ניט, וואָס זאָגט ער עפעס—איז דען איצטער די צייט דערפון. איז דער משמעות דאָס אַן

אַנדער צייט וואָלט יאָ רעכט געווען צו נעהמען פון איהם. ווידער פון דעם לשון וצרעת נעמן תדבק וגו׳ זעהט אויס דאָס ער מיינט, גאָר ניט איהם צו שילטען נאָר ער זאָגט איהם וואָס עס וועט זיין ווארום אז ניט האָט באַדארפט שטעהן אין פסוק ויקללו ויאמר צרעת נעמן תדבק בך וגו׳.

די פיר הארבע קשיות וועלען מיר פארענטפערען פשוט מיט אַ קורצען משל. אַ פאָטער האָט פארזאָגט זיינעם אַ קינד ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו געהן אין יענעם און יענעם געוויסען אָרט און אויב יאָ, וועט ער געוויס דאָרטען אנידערפאַלען און זיך קאַליעטשענען. דאָס קינד האָט איהם ניט געפאָלגט, ער איז גראָד אַהין געקראָכען און איז טאַקע אריינגעפאַלען און האָט זיך שטאַרק צוקלאַפּט. רופט זיך אָפּ דאָס קינד, איצטער זעה איך ווי מען מוז פאָלגען דעם פאָטער וואָס ער זאָגט אָן. דען ער איז גאָר אַ ריכטיגער נביא. ענטפערט איהם דער חבר זיינער דאָס איז מעהר אַ געניטקייט, דען ער ווייס פון לאַנג, דאָס אין יענעם אָרט איז דאָ א באַדעקטע גרוב מיט אַ שוואכען צודעק פון אויבען, גערניט קענטיג, דערפאר ביזטו דאָרט אריינגעפאלען. די מעשה איז אזוי: צו אלישע איז נתגלה געווארען בנבואה דאָס דער נעמן איז קראַנק געווען אויף אַזאַ מין קלעפּיגען צרעת ר״ל, דאָס איז עס אַ סכנה צו נוצען אלסדינג וואָס ער האָט נאָר אָנגערירט. די פלאָגע איז באַוואוסט אין די לענדער פון אַזיע און אפריקע. פאַר דערפאַר האָט אלישע ניט געוואלט ער זאָל צו איהם אריינגעהן און האָט זיך געהיט צו נעהמען פון איהם וואָס עס איז. דער גיחזי האָט אָבער דאָס ניט פאַרשטאַנען, ער האָט געמיינט אלישע נעמט ניט מחמת עפּעס איין סוד־זאַך און איין סגולה מעשה. און ווייל גיחזי איז קיין שטאַרקער מאמין געווען אין אזעלכע ענינים, ווי די גמרא דערצעהלט פון איהם. האָט ער זיך דערפון אויסגעלאַכט און איז אונטערגעלאָפען און יאָ גענומען פון אים. דאָס זאָגט אלישע העת לקחת את הכסף וגו׳ כלומר איצט ווען אלע זיינע חפצים זיינען שטאַרק פארגיפטעט פון זיין קראנקהייט ווי אזוי נעמסטו פון זיין האַנט זילבער און קליידער. וצרעת נעמן תדבק בך וגו׳ פאַר דערפאר זאָג איך דיר דאָס על פי דרך הטבע וועסטו מיט דיינע קינדער בלייבען אָנגעשטעקט מיט זיינע צרעת, דען דו האָסט זיך שוין אָנגענומען פון זיינע חפצים און פון דיר וועלען זיך דיינע קינדער אָנעמען! און אזוי איז טאַקע געווען צום סוף. אָבער דער נביא האָט אים ניט געשאָלטען. דאָס איז דער ענין פון דער מעשה בדרך פשוט.

* * *

נסים זיינען פארגעקומען מיט איינצעלנע מענשען־צדיקים און אויך דורך זיי. אזוי ווי די גמרא דערצעהלט אונז: ניקנור נעשה נסים לדלתותיו, פעם אחת הוא נסע מאלכסנדריה של מצרים אל ירושלים ובא נחשול בים לטבעו — מיט ניקנור׳ן האָט זיך געטראָפען אַ נס. איינמאָל איז ער געפאָה־רען פון אלכסנדריה של מצרים אין ירושלים און האָט געפיהרט מיט זיך צוויי גרויסע אייזערנע טירען צום בית־המקדש; האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורם ווינט אויפ׳ן ים און אָט ווערט די שיף דערטרונקען. האָט מען געוואָלט מאַכען גרינגער די משא פון שיף און איין אייזערנע טיר ניקנור׳ס אריינגע־וואָרפען אין ים, דערנאָך האָט מען געגומען זיך צו דער צווייטער. האָט ניק־נור געזאָגט: וואַרפט מיך אריין אין ים איינעם מיט דער צווייטער טיר... האָט זיך אין דעם מאָמענט געטראָפען אַ נס און דער ים האָט זיך איינגע־שטילט און די שיף איז זיך געשוואומען רוהיג איהר וועג. האָט זיך אָבער ניקנור מצער געווען אויף דער ערשטער טיר, נאָר גלייך ווי מען איז אָנגע־קומען צום האַפען פון עכו, איז די ערשטע טיר ארויסגעשוואומען פון אונטער דעם דעק פון שיף און ער איז געקומען פרעהליך מיטביידע טירען אין ירושלים.

וועגען גרויסע פערזענליכקייטען טראָגען זיך ארום פילע לעגענדעס, וואָס מעהר דער העלד איז באריהמט אלץ מעהר פאַנטאַזיעס, לעגענדעס שפינען זיך אין זכרון פון פאָלק וועגען איהם. וועגען בעש״ט ווערען דער־צעהלט פילע אגדות. איינע פון זיי וועלען מיר דאָ איבערגעבען ווי דורך איהם איז פארגעקומען אַ נס. דער בעש״ט איז געפאָהרען מיט זיינע לייטע דורך א געדיכטען וואַלד, דער הימעל האָט זיך באַדעקט מיט שווארצע וואָלקענס און אָט באַלד קומט אָן אַשטורם... צום גליק האָבען זיי דערזעהן אַ פייערל פון ווייטען און זיך געלאָזען פאָהרען נאָך איהם. זיי זיינען אָנגעקו־מען אין אַ קרעטשמע. זיי געהן אריין אינעווייניג זיי זעהן עס ברענען א סך ליכט און דער בעל־הבית געהט ארום אומעטיג און צוטראָגען. נאָר ניט קו־קענדיג אויף דער לאַגע האָט דער בעל־הבית זיי אויפגענומען בכבוד. גע־געבען עסען און טרינקען. דער משרת האָט אויך אָנגעקאָרמעט אין שטאַל די פערד. דער בעש״ט האָט געבעטען דעם בעל־הבית ער זאָל איהם דער־צעהלען די אורזאַך פון זיין טרויער. האָט איהם דער קרעטשמאר דער־צעהלט: „היינטיגע נאַכט איז אַ וואַכט־נאַכט. מאָרגען פריה דארף ער מכניס זיין זיינעם אַ זוהן, בבריתו של אברהם אבינו. אָבער שוין ביי פיר קינדער טרעפט עס איהם, אַז פונקט אין דער נאכט פאַר׳ן ברית שטאַרבט אוועק דאָס קינד. ער זעהט קיינמאָל ניט פריהער עפּעס אַ שוואַכקייט און קען קיינמאָל ניט דערקלעהרען די סיבה פון וואַנען דאָס נעהמט זיך. ער איז דעריבער אין גרויס שרעק און צער דאָס קינד זאָל חס־ושלום אויך ניט שטאַרבען היינטיגע נאַכט.

דער בעש״ט האָט איהם באַרוהיגט און געזאָגט ער זאָל האָבען בטחון און קיין מורא ניט האָבען, עס וועט גאַרניט זיין. ער זאָל זיך גרייטען צום ברית. דער בעל שם האָט פאַרזאָגט זיינע לייט זיי זאָלען לערנען א גאַנצע נאַכט, ניט איינשלאָפען. צוויי מענשען האָט ער אוועקגעשטעלט מיט אַן אָפענעם זאַק לעבען קינד וויגעלע און תיכף ווי עס וועט עפּעס אין זאַק אריינפאַלען זאָלען זיי דעם זאַק פאַרבינדען און איהם גלייך אויפוועקען. אלע האָבען אויס־געפילט זיין באַפעל. עס איז געקומען האַלבע נאַכט, האָבען זיך פלוצלונג אָנגעהויבען זיך די ליכט אויסצולעשען. זיי האָבען זיך געשטאַרקט און גע־לערענט. פלוצלונג האָט זיך באַוויזען א גרויסע קאַץ, וועלכע איז דורכגעלאָ־פען פאַרביי און איז גלייך אריינגעפאַלען אין זאַק אריין. די צוויי מענשען האָבען גיך פאַרבונדען דעם זאַק און אויפגעוועקט דעם בעש״ט. ער האָט געהייסען נאָך אַמאָל איבערבינדען דעם זאַק און שלאָגען מיט צוויי שטעקענס שטאַרק איבער דעם זאַק. אז מען האָט די קאַץ גוט אָנגעשלאָגען האָט דער בעש״ט געהייסען אָפּבינדען דעם זאַק און ארויסוואַרפען די קאַץ אויפ׳ן גאַס.

די נאַכט איז פאַריבער, דאָס קינד איז געוועזן געזונט, אויף מאָרגען פריה איז געוועזן דער ברית, דער בעש״ט איז געוועזן סנדק און מען האָט זיך פרעהליך געמאכט. נאָכ׳ן ברית האָט מען צוגעגרייט א סעודת מצוה. פאַר דער סעודה האָט דער בעל־הבית גענומען רשות פון בעש״ט צו געהן פריהער צום פריץ איהם ברענגען א לעקאַך פון ברית, ווארום דער פריץ איז זעהר אַ שלעכטער.

ער האָט אוועקגעטראָגען דעם לעקאַך און ווי פאַרוואונדערט ער איז געוואָרען אז די משרתים האָבען איהם דערצעהלט אז דער פריץ ליגט צו־שלאָגען און איז זעהר שוואַך. ער האָט געבעטען אז מען זאָל דעם פריץ מעלדען אז ער האָט געבראַכט א לעקאַך. דער פריץ האָט איהם געהייסען אריינרופען. ער האָט שוין ניט חוזק געמאכט איבער׳ן אידל, ניט געהייסען איהם טאַנצען אויף איין פוס און זינגען „מה יפת״, נאָר איהם אָנגענומען שעהן און געפרעגט וועր איז ביי איהם געוועזן אין הויז. דער איד האָט אלעס דערצעהלט דעם פריץ וואָס איז פאָרגעקומען. דער פריץ האָט געזאָגט אַז דער אורח זאָל גלייך קומען צו איהם. א צושראָקענער איז געקומען דער קרעטשמאַר אהיים און אלעס דערצעהלט. דער בעש״ט האָט איהם באַרוהיגט און געזאָגט אז אפריער וועט מען אָפּעסען די סעודת מצוה דערנאָך וועט ער צוגעהן.

ביי דער סעודה האָט דער בעש״ט דערצעהלט אלעס און קלאָהר גע־מאַכט וואָס איז פאָרגעקומען ביי דער נאַכט: „דער פריץ איז א גרויסער רשע און א גרויסער מכשף; אַ נאַכט פאַר׳ן ברית פלעגט ער זיך מיט כשוף זיך פאַרשטעלען פאַר אַ קאַץ און ער פלעגט עס הרג׳ענען די קינדער. דאָס מאָל

האָט ער איהם געכאַפּט אין זאַק און אַנגעבראַכען די ביינער. דעריבער ליגט ער עס קראַנק״. — דער בעש״ט איז געקומען צום פריץ, זאָגט צו איהם דער פריץ אז דער בעש״ט האָט איהם געכאַפּט פלוצלונג, ער האָט זיך געריכט, אָבער לאָז ער מיט איהם ארויס אין אַ סטרייט וועט ער איהם באווייזען זיין כוח. דער בעש״ט האָט איהם געענטפערט אז מ׳וועט איהם ווייזען אז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

אין א באַשטימטען אָרט און אַ באַשטימטען טאָג האָבען זיי זיך צונויפ־געטראָפען: דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים און דער פריץ, להבדיל מיט זיינע מכשפים. עס איז פארגעקומען אַ סטרייט און דער בעש״ט האָט גובר געווען און דער פריץ האָט דערזעהן אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט וואָס קאָן בעסער טאָהן אָהן כישוף. דער פריץ איז ארויס פון סטרייט אַ בלינדער.

פון אלעס אויבענדערמאָנטען זעהן מיר ארויס אז מיט אונזערע עלטערען האָט זיך געטראָפען נסים ונפלאות און אַביי האָט גוט געענטפערט רב פפא׳ן, אז אונזערע עלטערען האָבען זיך מוסר נפש געווען על קדוש השם, זיי זיינען געגאנגען אין פייער און אין פלאַם פאר אונזער אמונה, לאַנד און פאָלק, האָבען זיי כשר פארדינט אז עס זאָל זיך מיט זיי טרעפען נסים. — אָבער עס בלייבט דאָך ניט פארענטפערט פון אַביי די צווייטע פראַגע פון רב פפא׳ן, ווארום טרעפט זיך ניט מיט אונז נסים? צי דען זענען מיר דאָס ניט ווערטה? צי דען איז אונזער לאַגע בעסער ווי די שרעקליכע איבערלעבונגען פון אונזערע עלטערען אין אַ עת צרה? ניין, אונזער לאַגע איז א סך ערגער! גלות דייטשלאַנד, פוילען, רומעניע וכ׳ וועגען אראָפּ די צרות פון אונזערע עלטערען. די שונאי ישראל פון יעצטיגער צייט באַגעהן זיך מיט אונז, אזוי ווי דער אָדלער מיט דאָס פייגעלע: אויף די צווייגען פון אן אָליווען בוים זיצט א שעהנע פייגעלע און זינגט, מיט אמאָל עס רוישט אין דער לופט, עס קומט אָן אַן אָדלער מיט אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ, דאָס פייגעלע דערלאַנגט אַ ציטער. זי אנטלויפט, דער אָדלער יאָגט איהר נאָך, ער לאָזט זיך לאנגזאם ארונטער אויף איהר, ער האַקט אריין זיינע שארפע נעגעל אין איהר האַרץ און מיט זיין שנאַבעל פיקעט ער איהר אויס די אויגען, דער אָדלער זייגט איהר בלוט, מאַכט איהר טויט, ער פארניכטעט איהר!

וואו זיינען דאָס גאָט׳ס וואונדער, וואָס אונזערע עלטערען האָבען אונז דערצעהלט? — מורי ורבותי, אז מיר זאָלען זיך צוקוקען באספיקלריה מאירה זעהען מיר אז יעצט טוט אויך גאָט מיט אונז נסים. דאָס שעפּסעלע עקזיס־טירט צווישען זיבעציק וועלף שוין טויזענטער יאָהרען... אמת, פאר דער לעצטער צייט האָט דער וואָלף פארצוקט צווי מיליאָן צאן קדשים, א שרעק־ליכער גזר־דין! און איטליכע האַרץ ווערט פארגאָסען מיט בלוט דערמאָ־

נענדיג זיך אָן דעם — אָבער דאָך דארפען מיר זיין געטרייסט מיט דעם, וואָס עס איז איבערגעבליבען שארית הפליטה! דאָס אידישע פאָלק דארף ביי זיך ניט אראָפפאַלען, דער וואָלף וועט ארייַנפאַלען אין נעץ, און דאָס בלוט פארגיסער וועלען אליין דערטרונקען ווערען אין דעם בלוט, און דאָס אי־דישע פאָלק וועט צושווימען צום ברעג, ווארום די אידען זיינען געגליכען געווארען צו דער לבנה. אזוי ווי די לבנה פארגעהט צום סוף איטליכען חודש, און פון אָנפאנג דעם חודש הויבט זי אָן ווייטער צו לייכטען צו דער גאנצער וועלט. אזוי זיינען די אידען, זייער ליכט געהט און געהט אונטער אין גלות, און די וועלט איז פינסטער פאר זיי פון די צרות און פארפאָלגונגען, אָבער עס וועט קומען דער טאָג און די אידען וועלען לייכטען פאַר דער גאַנצער וועלט מיט די ליכט פון זייער תורה און זייער לאנד ארץ ישראל.

(סוף)

* * *

# דרוש אודות המושלים בימים הקדמונים ובזמן הזה.

(די רעדע האָב איך געהאלטען אין מאָנטרעאל בבית המדרש „דיבנה״)

אָמר ר׳ חייא בר אבא אמר ר׳ סמאי ג׳ היו באותה עצה, בלעם ואיוב ויתרו. בלעם שיעץ נהרג, איוב ששתק נידון ביסורים, יתרו שברח זכו מבני בניו וישבו בלשכת הגזית — האָט געזאָגט ר׳ חייא בר אבא דריי זיינען געווען ביי דער עצה, בלעם, איוב און יתרו. בלעם פאר זיין שלעכטע עצה איז דערהאַרגעט געווארען, איוב פאר וואָס ער האָט געשוויגען, איז ער גע׳משפט געווארען מיט יסורים, יתרו איז אנטלאָפען געווארען, פאר דערפאר האָבען זוכה געווען זיינע אייניקלעך צו זיצען אין לשכת הגזית.

(סוטה י״א).

געעהרטע פאַרזאַמלונג:

בעת מיר האָבען געטראָטען אויפ׳ן פעסטען באָדען אין ארץ ישראל האָ־בען מיר ארויסגעגעבען נביאים, פאָעטען און דיינקער, דאָס פאָעטישע פאָלק פון „שיר השירים״ און קאָסמאָלאָגישען „ברכי נפשי״ האָט אָנגעצונדען אָן עמוד האש צו באלייכטען דעם וועג פון די אומות העולם. די נביאים האָבען ניט געוואָלט נביאות־זאָגען, נאָר ארויסמאַכען זיך פון די שליחות: משה האָט געזאָגט: איך בעט דיך גאָט, שיק דורך דעם וואָס דו ווילסט שיקען... ירמיה האָט אויך געזוכט תרצים ניט צו געהן: „אָה, גאָט, איך וויס דאָך ניט ווי צו

רעדען ווייל איך בין יונג. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: דו זאָלסט ניט זאָגען איך בין יונג, נאָר אומעטום וואו איך ועל דיך שיקען, זאָלסטו געהן און אלעס וואָס איך וועל דיר הייסען זאָלסטו ריידען״.— ישעיה האָט געזאָגט: „מיין קערפּער האָב איך געגעבען צו די שלאָגער און מיינע באַקען צו די פליקער וכו׳ ״ — עמוס האָט געזאָגט צו אמציה׳ן: „איך בין קיין פּראָפעט, אויך ניט קיין זוהן פון א פּראָפעט, איך בין גאָר א פיה־הענדלער און אסיקאמאָרען (עגיפּטישע פייגען) זוכער. נאָר גאָט האָט מיר צוגענומען, געהענדיג נאָך די שעפסען, און געזאָגט צו מיר: „געה, זאָג נביאות אויף מיין פאָלק ישראל״. (עמוס ז׳).

יונה האָט אויך ניט געוואָלט געהן נביאות זאָגען און איז אַנטלאָפען פון גאָט נאָך תרשיש. — זעהען מיר ארויס פון די רייד פון די נביאים אַז זיי האָבען ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע פון נביאות, נאָר אַ געהיימע געטליכע קראַפט האָט זיי געשטופּט צו געהן נביאות זאָגען, כאָטש דאָס איז געווען פון אָנפאַנג אנטקעגען זייער ווילען. איצט, אין גלות זיינען ניטאָ מענשען נביאים, נאָר מענשען, און איטליכער מענש איז אן ,עולם־קטן״ — אליזא, נאָכ׳ן גראַדען שכל נאָך קען מען דענקען, פּראַקטיצירען, קלעהרען און וויסען נאָך די פארגאנגענע צייטען די קומענדיגע צייט.

* * *

בעת מען האָט געטראכט אין פּאַרלאַמענט פון פּרעה׳ן אַ מיטעל ווי צו פארניכטען די אידען רחמלצ״ל האָבען זיך פון די יועצי פּרעה זיך געפונען דאָרטען דריי גרויסע לייט: בלעם, איוב און יתרו, וועלכע האָבען געהאט אַ גרויסע (ווליאַניע) איינפלוס, השפעה אויף די גרויסע מאסען פון יענער צייט. די רעזאָלוציע איז געווען ארויסגעגעבען דורך בלעמ׳ן און די יועצי פּרעה — קורץ און שאַרף: איטליכער זוהן וואס וועט געבוירען ווערען ביי אידען, זאָלט איהר אריינוואַרפען אין טייך און איטליכע טאָכטער, זאָלט איהר לאָזען לעבען. איז דערפאר וואָס ער האָט גע׳עצה׳ט און געהעצט אנטקעגען די אידען, איז ער דערהארגעט געווארען. איוב האָט געשוויגען, ניט פּראָטעסטירט, איז ער דער פאַר גע׳משפּט געווארען מיט יסורים. יתרו איז אנטלאָפען געווארען פון פּאַר־לאַמענט, האָבען זוכה געווען זיינע אייניקלעך צו זיצען אין לשכת־הגזית.

די הגדה פאָדערט אַ באַלייכטונג כדי מיר זאָלען האָבען אַ ריכטיגען באַג־ריף וועגען יועצי פּרעה. — ערשטענס, איז שווער צו פארשטיין פון וואַנען האָבען גענומען חז״ל מזוג צו זיין די דריי גרויסע פּערזענליכקייטען: בלעם, איוב׳ן און יתרו׳ן און אריינזעצען זיי צווישען די חכמי מצרים אין פּאַרלאַמענט פון פּרעה׳ן? זיי זיינען דאָך געווען אין פארשידענע געגענדען: בלעם — אין ארם; יתרו — אין מדין, און וועגען איוב׳ן וויסען מיר גאָר ניט זיין אָרט וואו ער האָט זיך געפונען, אין וועלכע תקופה ער האָט געלעבט וויס קיין אויטאָ־ריטעט ניט, און צי איז ער בכלל געווען אויף דער וועלט? — צווייטענס, איז

שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס איז איוב באַשטראָפט געוואָרען פאַר זיין שווייגען? אין אַזאַ צייט איז דאָך בעסער אז מען שווייגט, ווארום בלעם פאַר זיין רעדען איז ער באַשטראָפט געוואָרען, און יתרו וואָס האָט ניט געוואָלט מסכים זיין מיט בלעמ׳ן איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפען, איז דאָך בעסער אז מען שווייגט אין אַזאַ מאָמענט, טאָ וואָס קומט איוב׳ן יסורים ?

נאָר דאָ איז איינגעוויקעלט א גרויסער תלמודישער געדאַנק. איך זעה אין די רייד פון חז״ל, אז זיי גיבען אן איבערזיכט איבער דעם מענשענס כאַראַקטער מיט זיין פיהלונג צום צווייטען געדריקטען מענשען. חז״ל האָבען גענומען במליצתם די דריי גרויסע פּערזענליכקייטען גלייך ווי זיי וואָלטען זיצען אין פּאַרלאַמענט פון פרעה׳ן און ווילען וויסען זייער פיהלונג און מיינונג וועגען דאָס אידישע פאָלק. בלעם איז געווען א נביא, כדי די אומות העולם זאָלען ניט זאָגען פאַר׳ן רבונו־ש״ע אז מיר וואָלטען אויך זיין פרום און גוט ווען מיר וואָלטען האָבען א נביא, האָט זיי גאָט געגעבען אַ נביא בלעמ׳ן. ווען עס פלעגט בלעמ׳ן ארומכאַפּען דער רוח־הקדש איז ער געווען הייליג, והא ראיה, אז אַ איד געהט אריין אין דערפריה אין שוהל, זאָגט ער גלייך בלעמ׳ס ווערטער: „מה־טבו אהליך יעקב״ — בלעם זאָגט כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו וכ׳ — פון דער הויך פון די סקאַלעס טוה איך איהם זעהן און פון דער הויך פון די בערג. דאָס מיינט אזוי ווי די סקאַלעס, (פעלזען), און די בערג זיינען שטאַרק און אייביג, אזוי איז דאָס אידישע פאָלק אייביג. און דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דעם אידישער פאָלק באַשטעהט אין דערויף, וואָס דאָס פאָלק וואוינט איינזאַם און רעכענט זיך ניט צווישען די פעלקער — רייבט זיך ניט מיט זיי די רוקענס און אַסימילירט זיך ניט. — אָט דאָס איז הייליקע ווערטער.

נאָר גלייך ווי עס טוט זיך אָפּ פון איהם דער רוח־הקדש ווערט ער שלעכט, אַלס פאַרדאָרבענער מענש גיט ער אן עצה: „איטליכער זוהן וואָס וועט געבוירען ווערען ביי אידען, זאָלט איהר אריינוואַרפען אין טייך״. געהט שעלטען דאָס הייליק פאָלק ישראל, האָט קיין שום מיטלייד ניט צו די אומגליקליכע עם ישראל, וועלכע האָט זיך געפּלאָגט אין מצרים און שטרעבט יעצט צו פרייהייט אין לאַנד פון זיינע אָבות. פאַרקעהרט אַזאַ מענש, וואָס האָט א ווירקונג, אַ גרויסען איינפלוס אויף פילע פעלקער האָט דאָך געדאַרפט זיך אָננעמען פאַר׳ן פאַרפּלאָגטען איד, אז מען זאָל איהם אריינלאָזען אין ארץ אָבות, ער זעהט דאָך אַז דאָס פאָלק וויל קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָהן, נאָר פאַרגרינגערען זיין לעבען. אָבער זיין האַרץ איז פאַרשטאָפּט פון מיטגעפיל צו די אידען, עס איז דאָך ניט נוגע צו בלעמ׳ס לייב, אַרט איהם ניט פאַר זיי. ער האַלט נאָר פון דער אַלטער טענה: „יעצט וועט די געמיינדע ישראל אָפּעסען אלעס וואָס איז רונד ארום אונז ווי אַן אָקס עסט אָפּ דאָס גרינע גראָז פון פעלד״. ווי ער האָט געפיהרט, אזוי קאַלט האָט מען זיך באַנומען צו איהם. אין מדין האָט מען בלעמ׳ן

מיט׳ן שווערד דערשלאָגען, אָט דאָס מיינט חז״ל—ובלעם שיעץ נהרג. (דער בעל הטורים זאָגט, מען האָט בלעם׳ן געבראכט פאר משה׳ן מיט די זקנים — האָט מען גע׳פסק׳נט איהם צו טויטען בחרב, ווארום ער האָט דעם דין פון אַ „מכשפה״ בחרב).

* * *

אין ספר איוב ווערט דערצעהלט, אז אַ מאַן איז געווען אין לאַנד עוץ, איוב האָט ער געהייסען. און דער מאַן איז געווען פאַלקאָמען און עהרליך, מורא געהאט פאר גאָט און אויסגעמידען שלעכטס. און צו איהם זיינען געבוירען געוואָרען זיבען זיהן און דריי טעכטער. און זיין פיה איז באשטאַנען פון זי־בען טויזענד שאָף, און דריי טויזענד קעמלען און פינף הונדערט פּאָר אָקסען, און פינף הונדערט עזעלינען און פיל דינער; און דער דאָזיגער מאַן איז געווען גרעסער פון אלע איינוואוינער פון מזרח־לאַנד.

און זיינע זיהן פלעגען געהן און מאַכען א מאָלצייט אין הויז, יעדערער אין זיין געבורטס־טאָג און זיי פלעגען שיקען און רופען זייערע דריי שוועסטער צו עסען און טרינקען מיט זיי.

און ווען דער מאָלצייט איז פארגעקומען פלעגט איוב שיקען און זיי היי־ליגען דערמיט וואָס ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און געבראַכט בראַנד־אָפּפער לויט די צאָהל פון אַלע, ווייל איוב האָט געזאָגט: „טאָמער האָבען מיינע קינדער געזינדיגט און געלעסטערט גאָט אין זייערע הערצער״. אָט אזוי האָט איוב געטאָן אלע צייטען.

און עס איז געווען דער טאָג, זיינען געקומען די קינדער פון גאָט זיך צו שטעלען פאר גאָט: און דער שטן איז אויך געקומען צווישען זיי.

און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „פון וואַנען קומסטו? און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און געזאָגט: „פון דעם שוועבען אויף דער ערד און פון וואַנ־דערען דורך איהר.״

און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „האָסטו אַ טראַכט געטאָהן אין דיין האַרצען איבער מיין קנעכט איוב, אז עס איז ניטאָ נאָך איינער ווי ער אויף דער ערד, אזוי פאַלקאָם און עהרליך און גאָטספאָרכטיג, און מיידט אויס שלעכטס?״

און דער שטן האָט געענטפערט און געזאָגט: „אומזיסט עפּעס האָט איוב פורכט פאַר גאָט?״

— בעשיצטו ניט איהם מיט זיין הויזגעזינד און אלסדינג ארום איהם? די ארבייט פון זיינע הענט האָסטו געבענשט און זיין פיה איז צושפרייט איבער׳ן לאַנד.

— שטרעק נאָר אויס דיין האַנט, בעריהר איהם מיט אלסדינג וואָס ער האָט, ועסטו באלד זעהן אויב ער וועט דיך ניט לעסטערען אין געזיכט אריין״.

און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „זעה נאָר, אלסדינג וואָס ער האָט איז אין דיינע הענט, נאָר צו איהם אַליין זאָלסטו ניט אויסשטרעקען דיין האַנט״, און דער שטן איז אוועק פון גאָט.

און עס איז געקומען דער טאָג און זיינע זיהן און טעכטער האָבען גע־געסען און געטרונקען וויין אין הויז פון זייער עלסטען ברודער.

און עס איז אָנגעקומען א געזאַנדטער צו איוב׳ן און איהם געזאָגט:

„די אָקסען האָבען געאקערט און די עזעלינען האָבען זיך געפיטערט נעבען זיי. און שבא — רויבער זיינען אָנגעפאלען און זיי צוגענומען; און די יונגען האָבען זיי דערשלאָגען מיט דעם שווערד, און בלויז איך אליין בין אַנטלאָפען דיר דאָס אָנצוזאָגען״.

אזוי ווי דער שטעהט נאָך און רעדט, קומט שוין אָן אנדערער און זאָגט: „אַ פייער פון גאָט איז אראָפּגעפאלען פון הימעל און אָנגעצונדען די שאָף און יונגען און זיי פאַרברענט, און בלויז איך אליין בין אנטלאָפען דיר דאָס אָנצוזאָגען״.

אזוי ווי דער שטעהט נאָך און רעדט, קומט שוין אָן אנדערער און זאָגט: —„כשדים האָבען זיך צוטיילט אין דריי באַטאַליאָנען און באַפאַלען די קעמ־לען און זיי צוגענומען; און די יונגען האָבען זיי דערשלאָגען מיט דעם שווערד, און בלויז איך בין אַנטלאָפען דיר דאָס אָנצוזאָגען״.

אזוי ווי דער שטעהט נאָך און רעדט קומט שוין אָן אַנדערער און זאָגט: —„ דיינע זיהן און טעכטער האָבען געגעסען און געטרונקען וויין אין הויז פון זייער עלטערען בורדער.

און פּלוצלונג איז אָנגעקומען א גרויסער שטורם פון יענער זייט וויסטע און געטראָפען אלע פיער ווינקלען פון הויז און עס איז ארויפגעפאַלען אויף די יונגען און זיי געטוידטעט; און בלויז איך אליין בין איבערגעבליבען דיר דאָס אָנצוזאָגען״.

און איוב האָט זיך אויפגעהויבען און צעריסען זיין מאַנטעל, און זיך אויסגעריסען די האָר פון קאָפּ, און געפאַלען צו דער ערד און זיך געבוקט.

און ער האָט געזאָגט: „ נאַקעט בין איך ארויס פון מיין מוטערס בויך און נאַקעט וועל איך אַהין צוריק קעהרען; גאָט, האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען, געבענשט זאָל זיין גאָט׳ס נאָמען״

דאָך האָט איוב אַלץ ניט געזינדיגט און ניט געמאכט גאָט קיין פאַרוואורף.

דער שטן האָט אָנגעשיקט אויף איוב׳ן אָ בייזען אויסשלאג פון דער זויל פון זיין פוס ביז צום שפּיץ פון זיין קאָפּ. און ער האָט גענומען אָ שערבעל זיך צו קראַצען דערמיט און איז געזעסען אין אַש.

און ווייטער דערצעהלט אין ספר איוב ווי ער פיהרט א ויכוח, אָ דיספּיוט, מיט זיינע דריי פריינט: אליפז התימני, ובלדד השוחי, וצופר הנעמתי, וועלכע זיינען געקומען איהם טרייסטען. איוב טענה׳ט זיך אויס און פאָדערט גערעכ־

טיגקייט פון גאָט, ער טענה'ט אַז „יש צדיק ורע לו ורשע וטוב לו" — דעם צדיק איז ביטער אויף דער וועלט, און דער רשע לעבט א גוטען טאָג און לאַכט פון דער גאַנצער וועלט...

זיינע פריינט דערקעלהרען איהם אז א מענש קען ניט דערגרייכען מיט זיין שכל „השגחת־הבורא"...

דער גאַנצער ספר „איוב" איז איין „וועלט־שמערץ" אין וועלכען עס פאראייניגען זיך אלע זיפצען און שמערצען, צרות און פיין פון אַלע אומגליק־ליכע און געקריוודעטע. דער ספר איז אַ פּראָטעסט אַנטקעגען דעם פארקרי־פּעלטען מענשליכען לעבען. שאַרף און פילאָזאָפיש נעמט ארום „איוב" דעם גאַנצען לעבען פון רייכע, אָרימע, פרייע און פארשקלאַפטע. — איוב'ס נשמה טובל'ט זיך אין בלוטיגען ים פון מענשליכע טרערען, עלענד און פיין.

אָבער עס איז דאָך אַ פראַגע, ווארום האָט „איוב" דערזעהן די גאנצע שרעקליכע טראַגעדיע פון לעבען נאָר דאַן ווען ער איז אליין געשטראָפט געוואָרען? וואו איז געוועז זיין פראָטעסט צו אויסבעסערען די לאַגע פון די אומגליקליכע, נידערגעשלאָגענע, הונגעריקע און פאַרפייניגטע בעת ער האָט געלעבט גליקליך און זיין וואָרט האָט געהאט אַ וואָג, וואָרום האָט ער דאַן ניט געפילט דעם צער און וועהטאָג פון די איובים, וועלכע זיינען פארשקלאַפט און געדריקט אונטער'ן שווערען יאָך פון זייער לעבען?— ניין, ניין! דאַן אין זיינע גוטע צייטען האָט ער דאָס ניט געפילט, ניט פּראָטעסטירט. די אומגליק־ליכע האָבען זיך דאַן געמעהרט מיט יעדען טאָג, אזוי ווי אין אונזער צייט, און „איוב'ן" דעם זאַטען האָט דאָס גאָר ווינציג געקימערט, קיין שום טייל אין זיי ניט גענומען גרינגער צו מאַכען זייער לעבען, ניט געפילט זייער צער און עלענד, ניט געהיילט די וואונדען פון זייערע הערצער. און ווי שאַרף עס איז די מליצה פון חז"ל: „איוב ששתק נידון ביסורים".

* * *

אַ העכערע מדרגה פון די צוויי גרויסע לייט בלעם און איוב, פאַרנעמט דער פילאַנטראָפ יתרו וואָס געפינט זיך איין אין פאַרלאַמענט פון פרעה'ן. יתרו האָט אַ גוטע נשמה: ווען זיינע טעכטער האָבען איהם דערצעהלט, אז אין דער מדבר בלאָנדזשעט ארום אַ מענש אַ מצרי, א הונגעריגער, דאָרשטיגער, אָפּ־געריסענער, האָט ניט קיין אָרט וואו צו צולייגען זיין קאָפּ, האָט ער זיך גלייך פאראינטערעסירט מיט איהם און גערופען איהם צו זיך אַלס אורח. יתרו איז געוואָרען איבערראַשט, אַז ער האָט זיך נעהענטער באַקאַנט מיט משה'ן און אויסגעפינען אז משה טראָגט זיך ארום מיט הויכע געדאַנקען, ווי צו באַפרייען דורך גאָט זיינע ברידער פון מצרים. דער וואַנדערער משה, וואָס איז אַנטלאָ־פען פון ראַכע, שווערד, האָט געווירקט אויפ'ן זאַטען כהן מדין, וועלכער האָט זיך געקניט פאַר משה'ס הויכען אידעאַל. מורי ורבותי, איז דאָס ניט אַ וואונ־

דער? אז דער כהן מדין, וואָס האָט געלעבט אַ גליקליך לעבען, אזוי ווי אַלע כהני־אליל אין יענע צייטען און איז געווען פאַרהייליגט ביי אַלעמען און גע־האט א גרויסען איינפלוס אויף די גרויסע מאַסען פון דער וועלט, האָט זיך אָנגענומען פאר די אונטערדריקטע אידען, פּראָפּאַגאַנדירט אַז מען זאָל דאָס אידישע פאָלק באַפּרייען פון גלות מצרים און העלפען זיי אריינגעהן אין זייער פאָטער־לאַנד ארץ ישראל. — ווי שאַרף איז די מליצה פון חז״ל „יתרו שברח״ — יתרו וואָס איז אַנטלאָפען פון עצת בלעם מיט זיין אנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע, וועלכע האָבען גרעאָטען פאַרניכטען דעם שוואַכען אידען, האָט זוכה געווען מקבל צו זיין גוטעס און פאַר זיינע גוטע מעשים „זכו מבני בניו וישבו בלשכת הגזית.

* * *

אזוי ווי אַמאָל אזוי איז היינט: עס איז אָנגעקומען א שרעקליכע צייט, קנאָה, שנאָה האָבען זיך צופלאַקערט איבער דער וועלט. די קלענערע מלוכות האָבען מורד געווען אין די גרעסערע. זיי האָבען געוואָלט פארכאַפּען די מאַכט. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכע מלחמה. בעת די וועלף זיינען זאַט ריהרען זיי ניט אָן די „צאן קדשים״, אָבער אז זיי ווערען הונגעריג ביינ־דען זיי זיך צו זיי און וואַרפען זיך ארויף אויף די שעפעלאך און רייסען פון זיי שטיקער.

אין אַזאַ צייט שווימט ארויף די פראַגע פון „הבא נתחכמה לו״ — קומט מיר וועלען קלוג האַנדלען מיט איהם, פּילייכט וועט דער איד זיך מעהרען און עס וועט זיין, ווען אַ קריעג וועט זיך טרעפען, וועט דער איד צושטעהן צו אונזער פיינד.

אין דעם ויכוח־דיספּיוט — זיינען פאַרמיסט פיער גרויסע לייט, גרויסע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען אַ ווירקונג, השפעה אויף די גרויסע שיכטען־מאַסען פון דער וועלט, דאָס זיינען די „ארבעה בנים״: אחד רשע, אחד צדיק, אחד חכם ואחד דיפּלאָמאָט.

דער רשע — המן — היטלער — זאָגט, אז מען זאָל דערשטיקען חו״ס דאָס אידישע פאָלק דאַן וועט ווערען גוט אויף דער וועלט, ווארום דער איד גראָבט אונטער דעם עקזיסטענץ פון אַלע מלוכות און עס איז ניט ווערטה אַז מען זאָל זיי לאָזען לעבען . . .

אָבער מיט איהם האָבען ניט מסכים געווען די איבעריקע שלשה בנים. — „בלעם שיעץ נהרג, איוב ששתק נידון ביסורים, יתרו שברח זכו מבני בניו וישבו בלשכת הגזית״ — איוב האָט געשוויגען — כלמרשט אביסעל אריינגע־לאָזען אידען אין זיין לאַנד — פאַר דער פאַר נידון ביסורים ודיה ברמיזא — נאָר אזוי ווי די לאַגע פון איוב׳ן האָט זיך צום סוף פאַרבעסערט, אזוי האָט זיך די לאַגע פון ענגלאַנד זיך אויך פאַרבעסערט. ווארום זיי האָבען אַ זכות,

זיי האָבען אין די צייטען בעת מען האָט געטריבען אידען פון שפּאַניע, געשיקט שיפען און אריינגענומען די אנוסים צו זיך אין לאנד; און צווייטענס, צוליב אונז אידען מעג זיי גאָט העלפען, ווארום זיי פארטיליקען די רשעים—היטלערס.

בלעם—המן—היטלער הרשע יהרג, וועט דערהארגעט ווערען בחרב. ער וועט האָבען דעם דין פון א מכשפה בחרב.

בעת דער רשע האָט אָנגעהויבען אויספיהרען זיינע רשעות האָט סטאַלין, דער חכם, געגעבען אַן אָרט אין סיביר צו די אידישע פּליטים, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון היטלער׳ס שווערד. און אזוי האָט אויך געטאָן דער פילאנטראָפּ רוזוועלט לכן ברוכים יהיו. יתרו־רוזוועלט איז אנטלאָפען געווארען פון עצת היטלער הרשע און האָט ארויסגעוויזען ליבשאפט צום כלל ישראל, ער איז פון די חסידי אומות העולם, איז דערפאר „יזכו מבני בניו לשבת בלשכת הגזית״!

(סוף)

# דרוש אודות — משיח בן דוד.

געקומען אַ איד אן „עם־הארץ״ צו א רב און בעט ביי איהם קבלה אויף שחיטה. פרעגט איהם דער רב, זאָגט מיר ר׳ איד וואָס איז פריער שחיטה צו בדיקה? — וויס ער ניט.

געהט דער איד ארויס פון רב און הערט אין גאַס ווי אַ איד שרייט גע־וואַלד! מען האָט מיך געקוילעט!

— וואָס האָט מען אייך אַפריער געטאָהן, פעטער, פרעגט איהם דער איד?

— פריער האָט מען מיר געבּאַדקענט...

לויפט אַוועק דער איד צום רב און זאָגט איצט וויס איך, רבי, אַפריער

אָט אזוי ווי יענער איד, וואָס האָט ניט געוואוסט דעם אונטערשייד פון איז בדיקה און דערנאָך שחיטה...

שחיטה ביז בדיקה, אַזוי איז דאָ אין אמעריקע אייניגע אונוויסענדע וואָס האָ־בען זיך איינגערעדט אַז זיי זיינען נביאים און זאָגען נביאות אַז משיח איז געקומען. די משיחים זיינען ביי זיי: סטאַלין און רוזוועלט.

אין דער אמת׳ן איז דאָס אן אבסורד, דאָס איז א געפערליכער טעות. אַ גוי קען אַ אידישער משיח ניט זיין! כאָטש ער איז מן חסידי אומות העולם.

משיח מוז זיין א איד און שטאַמען פון בית־דוד און וועט אָפּשאַפען מלחמות.

דער נביא ישעיה זאָגט וועגען משיח׳ן: ויצא חטר מגזע ישי ונצר משרשיו יפרה — און עס וועט ארויסקומען אַ צווייג פון ישי׳ס שטאַם, און א רוטה וועט שפּראָצען פון זיינע וואָרצלען.

עס וועט זיין א גרויסער אונטערשייד צווישען א געוועהנליכען מענש

און משיח׳ן — ווארום נאָך די רייד פון די נביאים זעהען מיר אַז ער וועט זיין אַ גרויסער מענש וואו תורה און חכמה, אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייט און מענשליכע ליבליכקייט, וועלען זיין פאראייניגט אין זיין פערזאָן. ער וועט זיין אַ גייסטיגער קעניג — זיין וואָרט וועט זיין אַ געזעץ פאַר אַלע מענשען פון דער וועלט. משיח בן־דוד וועט זיין באַקרוינט מיט זעקס מדות טובות אזוי ווי ישעיה הנביא זאָגט: „ונחה עליו רוח ד׳, רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד׳״ (ישעיה, יא׳־ב). — „און עס וועט רוהען אויף איהם דער גייסט פון גאָט, אַ גייסט פון קלוגהייט און פאַרשטאַנד, אַ גייסט פון ראַט און שטאַרקייט, אַ גייסט פון וויסענשאפט און די פורכט פון גאָט״.

חז״ל זיינען פאראינטערעסירט מיט משיח׳ן, פאַרשען אויס זיין נאָמען און ערקלעהרען ווי משיח בן־דוד וועט הייסען. דבי שילה זאָגען אז זיין נאָמען איז „שילה״, ווארום עס שטעהט אין פסוק: „עד כי יבוא שילה״ — ביז וואַנען עס וועט קומען שילה. — דבי ר׳ ינאי זאָגען „ינון״ וועט זיין זיין נאָמען, ווארום דער פסוק זאָגט „לפני שמש ינון שמו״ — דבי ר׳ חנינא זאָגען חנינא איז זיין נאָמען און אנדערע זאָגען מנחם איז זיין נאָמען (סנהדרין צ״ח) — זיין נאָמען וועט אויף אייביג הערשען, אַזוי ווי די זון איז, וועט זיין בערוף זיין — אַלע וועלען זיך מיט איהם בענשען. פעלקער וועלען איהם גליק ווינשען. אַלע זיינע נעמען האָבען איין באדייטונג, אַז ער וועט העלפען איטליכען מענשען אין ר״ת מנחם — טרייסט, שילה (כי יביאו עמים שי לו — עס וועלען ברייגנען פעלקער צו איהם מתנות), ינון—הערשאפט, חנינא־ליבשאַפט, — די אַלע נעמען בר״ת איז דאָס וואָרט „משיח״. מיט איין וואָרט „משיח בן־דוד״ וועט זיין אַ מאַן פון קראַפט, וואָס וועט הערשען מיט מאַכט, מיט גרויסען גייסט פון גאָט׳ס גנאַד, מיט ריינעם הארץ, מיט אייזען — רוט און העלדישען פאַרשטאַנד.

* * *

פרעגען אידען, ווען וועט ער שוין קומען? די שיסעל פון אידישע טרעהרען איז דאָך שוין פאַרפולט! זאָגט דער נביא דניאל: „וארו עם ענני שמיא״ איז דאָס חז״ל מפרש אַז משיח וועט קומען גיך: „זכו עם ענני שמיא, לא זכו עני ורוכב על החמור״ — אויב די אידען וועלען זוכה זיין, וועט משיח ארונטערקומען אויף אַ הימלישען וואָלקען און אויב זיי וועלען ניט זוכה זיין, וועט ער קומען אלס אָרימאַן אויף אַן עזעל! — וועגען דעם איז דאָ אַ משל:

אַ רוסישער עלטערער איד איז פלוצלונג אומערוואַרטעט אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געהאט אַ פינף אָדער זעקס ערוואַקסענע פאַרהייראַטע זיהן און טעכטער. ער האָט זיי ערקלערט, אַז ער איז אויף דער עלטער געבליבען עלענד און אָהן פרנסה, האָט ער קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאט ווי נאָר צו פארקויפען דאָס ביסעל באלעבאטישקייט אויף הוצאות הדרך, און קו־

מען צו זיי, צו די קינדער. צום האָפען פאַר באַגעגענען דעם טאַטען, זיינען אַ פּאָר קינדער געקומען און די איבעריגע ניט.. ביים ערשטען מיטינג פון דער פאַמיליע, וועגען דער פראַגע וואָס צו טאָהן מיט'ן טאַטען, האָבען אייניגע גע־זאָגט, אַז מען דאַרף איהם אָנדינגען ערגעץ קעסט און יעדער איינער זאָל דער־רויף געבען אַ פּאָר דאָלער צושטייער, און אַ פּאָר האָבען זיך דערפון ענטזאגט, ערקלעהרענדיג, אַז דער טאַטע האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו קומען ניט אָנגעפרעגטערהייט, און זאָל ער איצט טאָן וואָס ער וויל.

מיט איין וואָרט, עס איז דעם אַלטען טאַטען נעבאך געוועזן פינסטער און ביטער צו זעהן און צו הערען ווי ביליג ער איז ביי זיינע אייגענע קינדער און ער האָט זיך אָנגעליטען ביי זיי גענוג צרות, בזיונות און עגמת נפש, ביז ער האָט אויסגעפונען ווי ווייט פאַרדאָרבען יעדעס קינד זיינס איז, וועער פון זיי עס וויל איהם העלפען און קאָן טאַקי ניט און ווער עס קאָן און וויל ניט. צום סוף האָט ער זיי פאַרטרויעט דעם סוד, אַז ער האָט מיט זיך געבראַכט אין אמעריקע אַ גרויסע סומע געלט, נאָר ער האָט זיך אומישנע פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימאַן, כדי צו אויסגעפינען ווער זיינע קינדער זיינען.

דאָס זעלבע איז מיט'ן כביכול און מיט זיין גאולה. ווען ער זאָל וויסען אַז די אידען און די וועלט זיינען „זכו", אַז זיי אַלע זיינען טאַקע פיינע מענשען און מיינען באמת א דאָס אידישע פאָלק זאָל זיין אין ארץ ישראל, נאָר ס'איז פאַר זיי אומעגליך מיט אייגענע כחות דורכצופירען, וואָלט ער ארונטערגע־שיקט זיין משיח רייטענדיג אויף די וואָלקענס אין פולען פראַכט און גלאַנץ: דער רבונוש"ע וואָלט גלייך ארויסגעצייגט זיין רייכטהום און קומען ווי א רייכער טאַטע דאַרף קומען צו די קינדער, ער ווייס אָבער אז די אומות העולם זיינען ניט מסכים צו אַ אידישער היימלאנד. און די אידישע רייכע באַנקירען, רעפאָרמער, אסימילאַטאָרען און סתם כופרים בעיקר, זיינען נאָך אין כעס למאי מען דערמאָנט דעם נאָמען ארץ ישראל, האָט ער די גאולה ארונטערגעלאָזען אלס „עני ורוכב על החמור".

* * *

אונזערע חכמים האָבען געמאכט אַ פאַרזוך אויסצורעכענען און באשטי־מען די צייט פון דער גאולה. רש"י אין זיין פירוש צו סנהדרין (דף צ"ג) — ברייננגט ער עטליכע אויסרעכענונגען, אויך פון פסוק דניאל: ויתהבון בידה עד־עדן ועדנין ופלג עדן (דניאל ז') — משיח וועט וועלען ענדערען די פעסט־צייטען און דאָס געזעץ; דאָס אלעס וועט מען איהם ערלויבען ביז איין צייט, צוויי צייטען און האלבע צייט.

דער גלות מצרים רעכענט זיך פון יצחק'ס צייטען. עדן איז פיער הונ־דערט יאָהר, עדנין איז רבים באטרעפט אַכט הונדערט יאָהר, ופלג עדן —

אַ האַלבע צייט פון גלות באַטרעפט צוויי הונדערט יאָהר, אַלזאָ איינעם איז 1400; האָט געדאַרפט זיין דער „קץ" אין 1400. נאָר דער דור האָט ניט זוכה געווען. — רבי יהודה הלוי ווייזט אָן אין זיינע שירים, אז דאָס יאהר 1130 וועט זיין דאָס יאָהר פון דער ווען די הערשאפט פון ישמעאל וועט פאַלען.

הענק הגדול רמב"ם מאַכט אויך אַ פאַרזוך אויסצורעכענען די צייט פון דער גאולה.

אין דער „אגרת תימן" (הוצאת האלוב, זייט 45), שרייבט דער רמב"ם: „די פינקטליכע צייט וויסען מיר ניט זיכער. אָבער א וואונדערבאַרע קבלה, וואָס איך האָב איבערגענומען פון מיין פאָטער און זיידען, און זיי האָבען אי־בערגענומען פון זייערע עלטערען. ביז דער אָנפאַנג פון אונזער גלות, און דאָס איז, אז אין פסוק פון בלעם (במדבר כ"ג), „כעת יאמר ליעקב ולישראל, מה פעל אל" — „יעצט וועט געזאָגט ווערען צו יעקב'ן און ישראל'ן וואָס גאָט האָט געטאָהן" — איז פאַראַן דער סוד פון דער אויסלייזונג.

דער רמב"ם מאַכט דאָ אן אויסרעכענונג, אז פון דעם טאָג וואָס דער פסוק איז געזאָגט געוואָרען ביז צו דער גאולה, זיינען פאַראַן אזוי פיעל יאָהרען, ווי פון דעם טאָג וואָס די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען ביז צו דעם טאָג וואָס דער פסוק איז געזאָגט געוואָרען. און אזוי ארום קומט אויס אַז משיח וועט קומען אין דעם יאָהר 1216. ווייזט אויס אַז דער דור האָט ניט זוכה געווען אז די גאולה זאָל קומען.

אַ באַמערקונג מוזען מיר מאַכען, אז די אידישע חכמים, צו וועמען די אויגען פון אידען איבער דער גאנצער וועלט זיינען געווען געווענדעט, האָבען געמוזט זוכען אַ וואָרט פון טרייסט צו שטאַרקען די האָפנונגען. כאָטש זיי אַליין זיינען געווען אומצופרידען מיט די משיחישע אויסרעכנונגען.

* * *

סימני הגאולה על פי זהר הקדוש (בלק).

משיח וועט נתגלה ווערען אין גליל, ווארום דאָס איז דער ערשטער אָרט וואָס איז חרוב געוואָרען פון אָנפאַנג חרבן. פון מזרח וועט ערשיינען א גרויסער שטערען, וועלכער וועט לייכטען זיבעציג טעג. דער שטערען וועט פינקלען מיט 70 פייערדיגע זיילען און זיבעציק פונקען וועלען לייכטען פון איהם אין מיטען הימעל פאַר דער גאנצער וועלט. אנדערע זיבעציק שטערען וועלען ארומרינגלען דעם גרויסען שטערען. עס וועט פאַרקומען אַ שטרייט צווי־שען זיי. דער גרויסער שטערען וועט שלאָגען די זיבעציק שטערען ביז וואַ־נען ער וועט זיי איינשלינגען אלע אָוועגט, און בייטאָג וועט ער זיי ארויסברייי־גען און ווייטער פיהרען מיט זיי אַ קאַמף דריי מאָל אַ טאָג פאַר דער גאַנצער וועלט. און אזוי וועט זיין אַלע טאָג אין משך פון 70 טעג. — פון אָנפאַנג

וועט ער זיך באַווייזען אין רוים. און אין דעם טאָג וועלען דריי קרעפּאַס־טען הויכע אין רום איינפאַלען, דער פּאַלאַץ דער גרויסער וועט איינפאַלען אין דער שליט פון שטאָדט וועט שטאַרבען. — נאָך די 70 טעג וועט זיך דער שטערען באַהאַלטען און אויך משיח, ביז 12 מאָנאַטען. נאָך די 12 מאָנאַטען וועט משיח ארויפגיין צום הימעל. פון דאָרטען וועט ער באַקומען תוקף וכתר מלכות. און גלייך ווי משיח וועט אראָפּנידערען וועט זיך ענדעקען דער עמוד האש ווי פריער, פאַר דער גאנצער וועלט. פילע פעלקער וועלען צו איהם שטראָמען און משיח וועט פארפיהרען מלחמות מיט דער גאנצער וועלט. אין יענער צייט וועט הקב״ה ערמונטערען זיין גבורה אויף אַלע אומות העולם. דער מלך המשיח וועט באוואוסט ווערען אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע מלכים פון דער וועלט וועלען זיך צונויפזאמלען און וועלען מלחמה האלטען מיט איהם, פילע שלעכטע אידען וועלען צושטעהן צו די מלכים און וועלען קעמפען מיט׳ן מלך המשיח. נאָר ער וועט אַלעמען באזיגען. דאַן וועט פינסטער ווערען אויף 15 טעג די גאנצע וועלט. און אויף דערויף שטעהט געשריבען (ישעיה ס׳) כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח ד׳ וג׳ . . . עס וועט פאַרקומען תחית המתים.

און דערנאָך וועט דער מלך המשיח צונויפזאמלען אלע אידען פון גלות און זיי ברייגגען קיין ארץ ישראל. — אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך.

אלע צייכענס און וואונדער און גבורות וואָס גאָט האָט געטאָהן אין מצרים וועט ער דאָס טאָהן צו די אידען אין משיח׳ס צייטען. אזוי ווי עס שטעהט געשריבען כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות.

(סוף)

# דער טלית׳ל

איך געה זיך מיר פון בית־המדרש צו מיין אכסניה. עס איז שטיל... די הויז ליידיק, פּוסט... איך הער אַ שטילען געוויין פון אַ ווינקעלע חדר, דאָס ויינט אַ פאַרגעסענער טלית׳ל...

— אַלעס, אַלעס האָט דער בעל־הבית מיטגענומען און ארויסגעפאָהרען אויפ׳ן זומער־פּלאַץ, און מיר, טלית׳ל, אַליין האָט ער איבערגעלאָזען ! . .

— וויין ניט, טלית׳ל, וויין ניט, עס וועט קומען אַ צייט, אַז אלעס, אלעס וועט דער בעל־הבית דאָ איבערלאָזען און אין דיר זיך איינוויקלען און מיט־נעמען אויף אייביג, אייביג...

# אַ בּיִנטער אַנעקדאָטען און פאָלקס מעשיות

פון אייביגען קוואַל.

## דעם חפץ חיים'ס פּאַניצער.

אַ רייכער געלערענטער איד פון אפריקע האָט געהערט פון חפץ־חיים'ס צדקות און לעזענדיג זיינע ספרים האָט איהם גענומען אַ חשק זעהן דעם פּאַר־פאָסער אַליין. ער האָט זיך געלאָזען פאָהרען אין פוילען. אָנקומענדיג אין עיר הבירה—ווארשע, האָט ער געמיינט אַז ער וועט טרעפען דאָרטען דעם צדיק. האָט מען אים געזאָגט אַז דער חפץ־חיים איז ניט דער טשיף רבי פון פוילען, נאָר ער וואוינט אין ראַדין. ארויספאָרענדיג פון ווארשע, האָט ער געוואָלט נעמען אַ טיקעט גלייך צו ראַדין. האָט ער אויסגעפונען אַז ס'איז ניטאָ קיין פארבינדונג מיט'ן טריין קיין ראַדין. איז ער אָפּגעפאָרען ביז וואַנען די טריין האָט איהם געפיהרט. דאַן האָט ער געוואָלט נעמען אַ טעקסי קיין ראַדין. האָט ער אויסגעפונען אַז איבער די זומפען קען די טעקסי אויך ניט צופיהרען אַהין. האָט ער גענומען אַ וואָגען, נאָר אויך ניט געקענט זיך צושלאָגען צו ראַדין, איבער די בלאָטעס. האָט דער גביר געמוזט מוחל בכבודו זיין און מיט ארו־מיקע טרוקענע וועגען קומען צופוס צום חפץ־חיים. אַ מידער, אַ פאַרמאַטער־טער איז ער אָנגעקומען אַהין. נאָכגעפרעגט די איינוואוינער וואו וואוינט דער חפץ חיים? — האָט מען איהם אָנגעוויזען אַ קליין הייזקעלע, וואָס די פענסטער גרייכען צו דער ערד. געהענדיק אויפ'ן וועג האָט ער אָנגעהויבען זיך וואונדע־רען, ווי קען דאָס זיין אַז אַזאַ גרויסער מאַן זאָל וואוינען אין אַזאַ בית־אפל? דער גביר האָט זיך אַ טראַכט געטאָן און מלמד־זכות געווען מסתמא איז ער דאָ אויף אַ דאַטשע.

אָנקומענדיג אַהין האָט ער געפונען די טיר אָפען פאַר אורחים. פאַר זיי־נע אויגען האָט ער דערזעהן אַן אַלטען אידען, איינגעקאָרטשעטער אין דרייען אין טלית און תפלין, זיצט און לערענט. דער אורח האָט איהם מפסיק געווען פון לערנען און פרעגט איהם וואו איז דער חפץ־חיים?

אזוי ווי דער חפץ־חיים איז געווען אַ גרויסער ענו, האָט ער ניט געַ־וואָלט זאָגען אז ער איז דער חפץ־חיים. נאָר רעדענדיק מיט אים האָט דער גביר אויסגעפונען אז ער איז דער חפץ־חיים.

ארומקוקענדיג זיך אין הויז און באמערקענדיג קיינע מעבעל חוץ פאָלקעס מיט ספרים, האָט ער זיך פארוואונדערט.

— וואו איז אייער מעבעל? פרעגט דער גביר.

— וואו איז אייער מעבעל? — רופט זיך אָפּ דער חפץ־חיים.

— איך בין נאָר אַ דורכרייזענדער, מיינע שעהנע מעבעל זיינען אין אַפּ־ריקע.

— איך בין אויף דער וועלט אויך גישט מעהר ווי אַן עובר אורח—אַ דורכ־פאָהרער . . . האָט איהם דער חפץ־חיים געענטפערט אויף צוריק.

## שׁ·ב·ת.

„איש אמו ואָביו תיראו ואת שבּתותי תשמרו״.

שבת ווערט ביי אונז אָנגערופען די כלה, און די כנסת ישראל — דער חתן. אויב דער חתן רעספעקטירט גוט די כלה, דאַן באַקומט ער שעהנע מתנות פון דעם מחותן . . . און דאָס איז דער פשט—ויברך ד׳ את יום השביעי — גאָט האָט געבענשט דעם זיבעטען טאָג . . . (פון חפץ חיים על התורה).

## די ארבע כנפות׳ן.

דער מינסקער גובערנאַטאָר האָט געשיקט רופען דעם רב פון שטאָדט און געזאָגט איהם:

— זאָלסט זאָגען דיינע אידען אַז זיי זאָלען זיך ניט מישען אין רעוואָ־לוציאָן, ווארום דער כעס פון דער מלוכה וועט זיך אויסלאָזען צו זיי.

— פאַר מיינע בין איך ערב, אָבער ניט פאר די איבעריקע, זאָגט דער רב.

— וואָס מיינסטו? פרעגט דער גובערנאַטאָר.

— אָט זאָלען פאָליס ארייגברייגען פון גאַס אידען וועסטו זעהן ,ווער עס זיינען מיינע און ניט מיינע !

מען האָט אריינגעבראַכט פון גאַס יונגע און אַלטע אידען מיט בערד און אָהן בערד. דער רב האָט אָפּגעקליבען די אידען וואָס האָבען בערד און ארבע־כנפות׳ן און אויך די וואָס האָבען קיין בערד נאָר ארבע כנפות׳ן און געזאָגט דעם גובערנאַטאָר אז פאר זיי איז ער ערב. — האָט דער גובערנאַטאָר ארעסטירט די וואָס האָבען ניט קיין בערד און ניט קיין ארבע־כנפת׳ן.

דאַן האָבען די יונגע־לייט, מורא האָבענדיג פאר די אָבלאַוועס פון דער פּאָליציי, באַלאַגערט די ספרים סטאָרס נאָך די ארבע־כנפת׳ן...

## דער מלמד.

אַ מלמד האָט געקנעלט אין קיעב. אויף פסח האָט ער געדאַרפט פאָהרען אהיים צו זיין פאַמיליע. האָט ער געגעבען אַ טעלעגראַמע צו זיין פרוי: „טאַ־פיס—יעדו דאָמאַי, רעביאַט סאַבראַל ,פריגאָטאָוו פולי, בודים צאַרסטוואָוואַט״...

אין טעלעגראַפנע סטאַנציע האָט מען איהם גלייך אַרעסטירט. מען האָט געמיינט אַז ער איז אַ רעוואָליוציאָנער.

דער גביר בראָדסקי איז געוואָר געוואָרען דערפון און האָט אין אָר־טשאָסטאָק די פּאָליציי דערקלערט וואָס דער מלמד מיינט מיט דער טעלעגראַ־מע: דאָס הייסט: — „געה אין מקוה, איך פאָהר אַהיים, צונויפגעזאַמעלט די חדר־אינגלאַך און זיי פאַנאַנדערגעלאָזען, גרייט אָן קניידלאַך, מיר וועלען קיניגען... מען האָט איהם אָפּגעלאָזען פאַר אַ מלך אהיים..

## היטלער, געבעלס און דער רבי.

היטלער און געבעלס זיינען געזעסען אויפ׳ן באַלקאָן פון זייער הויז און האָבען געפירט אַ שמועס צווישען זיך:

— היטלער: וואָס איז דער אונטערשיד צווישען אָן אומגליק אָדער אַ אומגליקספאַל ?

— געבעלס: דאָס איז שווער צו דערקלעהרען, לאָמיר פרעגען דעם רבי (דער רבי איז גראָד דאָן פאַרבייגעגאַנגען).

— עס איז אַ גרויסער אונטערשייד, זאָגט דער רבי, למשל, ווען איהר ביידע פאַלט אראָפּ יעצט פון באַלקאָן און ווערט געהאַרגעט, איז דאָס אָן אומ־גליקספאַל, אָבער ניט קיין אומגליק...

## דער שלימזל.

אַ מאַן איז געקומען זיך גט׳ען מיט זיין ווייב, צום רב. ער איז אַ ליטוואַק און זי איז אַ פּוילישע, זיי קענען צווישען זיך ניט שטימען, כאָטש זיי מאַכען אָן אָנשטענדיג לעבען און האָבען 4 קינדער.

— פאַרוואָס ווילסטו זיך גט׳ען? פרעגט דער רב דעם מאַן.

— זי נעהמט ניט קיין הוהן אויף שבת, ווארום אין זייער שטאָדט, אין אַלד קאַנטרי, קוילעט מען אַ הוהן ווען איינער איז קראַנק, אָדער ווען די הוהן איז אַ קראַנקע... נעמט זי פיש אויף שבת קאָכט זי—איז דאָס זיס.... אָהן פעפער און אָן אַ ציבעלע... וואָס פאַר אַ טעם האָט עס, רבי לעבען,זאָגט דער מאַן.

אָבער דער רב איז דאָך א רודף שלום און וויל מאַכען שלום צווישען מאַן און ווייב, זאָגט ער:

— גאָט צו דאַנקען, דיין מאַן מאַכט אַ לעבען, שטעל איהם צופרידען, קאָך איהם וואָס ער וויל און ווי ער וויל.

— יע, רבי, איהר האָט איהם אויסגעהערט, הערט מיך אויך אויס, מיין מאַן איז א גרויסער נודניק, ער דערגעהט מיר די יאָהרען, אַ גרויסער שלימזל...

— ווען ער איז ביי דיר געוואָרען אַ שלימזל, זאָגט דער רב, סטייטש, דו האָסט דאָך מיט איהם אָפּגעלעבט כמעט אַ האַלבע וועלט, האָסט דאָך מיט איהם ב״ה פיר קינדערלאך !

— יע, רבי, אמת, אָבער ווען איך זאָל זיך פארלאָזען אויף דעם שלימזל וואָלטען די קינדערלאך אויך ניט געווען...

## דער אַפּיקורס און דער מגיד.

אַ רייכער אפיקורס זאָגט צו אַ מגיד נאָך זיין דרשה, אז איך זאָל אייך געבען פאַר אייער דרשה פינף און צוואַנציג דאלער וועל איך קריגען אין „גן־עדן״ פון לויתן ?

— ניין, זאָגט דער מגיד, אויף דער וועלט האָט דער גביר אלעס גוטעס, אויף יענער וועלט נעמט ער גאָרנישט מיט, קומט ער דאָרט מיט קדחת און דאָקטוירים זאָגען, אז דער וואָס האָט קדחת טאָר קיין פיש ניט עסען...

## די באַשטימטע צייט ווען די מלחמה וועט זיין געענדיגט.

שאַיע: זאָג מיר, שמעיה, ווען וועט זיך ענדיגען די מלחמה?

שמאַיע: גלייך ווי מען וועט בינדען דעם אָקס, קוילענען און ארויסנעמען דעם חלב, איז דאַן געענדיגט די מלחמה.

שאַיע: וואָס מיינסטו מיט דעם :

שמאַיע: פאַרשטייסטו מיך, היטלער־דייטשלאנד איז אַן אָקס מיט הערנער, דארפען איהם בינדען, האָבען זיך אונטערגענומען די ארבעה בנים צו פאַרוואַרפען אויף איהם די פּעטליע... איך וועל דאָס דיר דערקלעהרען אויפ׳ן לשון—פּאָליטיק, הייסט עס אזוי: די ארמייען פון רוסלאנד, ענגלאנד און אמעריקע וועלען האַלטען: דווינסק, זשמערינקע, פּלאָעשטי, זאַגרעב און פּאַריז. דווינסק, זשמערינקע און פּלאָעשטי (אין רומעניע) קען נעמען די רויטע ארמיי. זאַגרעב, די הויפּטשטאָט פון קראָאַציע, קענען נעמען די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען, מיט דער הילף פון אמעריקע און ענגלאנד.

פּאַריז קען גענומען ווערען נאָר פון אמעריקע און ענגלאנד.

דאָס איז די פינף אויסגערעכנטע סטראַטעגיש־וויכטיגע פּונקטען. מען נעמט דאָס איין, איז דער אָקס געקוילעט און אויס מלחמה.

שאַיע: אַהאַ, איצט האָב איך צוקייט, דער אָקס וועט זיין געקוילעט, אָבער ווער וועט ציהען דאָס חלב ?

שמאַיע: האָב קיין יסורים ניט, עס וועט זיך שוין אָפּזוכען בעלנים, חלב איז איצט ביקר־המציאות...

## דער בעל עגלה, סוחר און רב.

אַמאָליקע יאָהרען, אין דער אַלטער היים, אין באַשטימטע טעג פון יאָהר פלעגט פאַרקומען אין די שטעטלאך „ירידים״. אויפ׳ן יריד פלעגען צונויפ־פאָהרען פון די ארומיגע דערפער די פויערים און געבען פיל צולייזען. א סוחר האָט באדונגען א בעל־עגלה אז ער זאָל איהם פאַר אַ באַשטימטען פרייז אין אַ באַוואוסטען טאָג ברייגגען אויפ׳ן יריד. מען האָט אָנגעלעגט אַ וואָגען מיט שניט סחורה און זיך געלאָזען אין וועג אריין. עס איז געווען די צייט פון ימי הגשמים, די בלאָטעס און זומפען זיינען געווען גרויס און דער דאַרער מידער פערד, האָט זיך סאַפּענדיג קוים געשלעפּט. דער בעל עגלה האָט געבעטען דעם סוחר ער זאָל מוחל בכבודו זיין און העלפען שטופּען דעם וואָגען באַרג ארויף, ווארום עס איז דאָך א צער־בעלי־חיים אויף דעם פערד... דער סוחר פאָלגט און בעט גאָט מען זאָל אָנקומען אויפ׳ן יריד אין צייט. אזוי איז מען אָפּגעקומען די גאנצע וועג, נאָר נאָך אלע צרות איז מען געקומען אין שטעטעל נאָכ׳ן יריד...

דער בעל־עגלה מאָהנט זיינס, און סוחר זאָגט אז ער וועט אפילו אַ פרוטה אויך ניט געבען דעם שלים־מזל, ער האָט איהם פאַרפירט...

מ׳איז אַוועק צום רב אויף אַ דין־תורה. האָט דער רב צוגע׳פסק׳נט דעם סוחר — און דער בעל־עגלה האָט פאַרשפילט. דער בעל־עגלה איז געווארען מלא חמה און געזאָגט צום רב: „אזוי זיינען עס אייערע פסקים!?״ — דער רב האָט געענטפערט אַז דאָס איז ניט זיין פסק נאָר דער פסק פון דער תורה. דער בעל־עגלה זאָגט אַז ער איז דעם רב ניט חושד... נאָר ער פארלאנגט אז דער רב זאָל איהם זאָגען ווען האָט גאָט געגעבען די תורה אויפ׳ן באַרג סיני? דער רב האָט געענטפערט אַז קבלת התורה איז געווען דעם זעקסטען טאָג אין סיון. „אהאַ״ האָט אויסגעשריען דער בעל־עגלה, איצט פארשטעה איך שוין. סיון איז אין די סאַמע זומער מאָנאַטען, דעמאָלט איז ניטאָ קיין בלאָטעס און קיין זומפען, האָט די תורה מיט רעכט צו גע׳פסק׳נט דעם סוחר, וואָלט אָבער די תורה געגעבען געווארען ווינטער, וואָלט שוין דער פסק דין געווען אויף מיין זייט״...

— צווייטענס וויל איך ביי אייך פרעגען נאָך א פראַגע, רבי, איך האָב געהערט, אז עס מוז זיין צוויי „משיח׳ן״. צו וואָס דארפען מיר האָבען צוויי? ענטפערט איהם דער רב: איין משיח זאָל אונז ארויסנעהמען פון גלות און איין משיח זאָל אונז ארויסנעהמען פון די בעלי עגלות...

## חזן ראזומני און מיניסטער דורנאָוו.

חזן ראַזומני פלעגט זאָגען: „איך בין אַ ראַזומני (אַ קלוגער) און בין אַ חזן, און ער איז אַ דורנאָי (אַ נאַר) און איז אַ מיניסטער״...

## דער משפט פון דעם צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער.

מען דערצעהלט איינמאָל איז דער צאַר ניקאָלאַי, דער צווייטער, דורכ־געפאָהרען מאָסקווע און פאַרבראַכט דאָרטען אַ פּאָר טעג. דער צאַר האָט באזוכט אַ צערקווא און דער נאַראָד (עולם) איז געווען געפערליך גרויס. מען האָט געוואָלט אָנקוקען דעם צאַר. ביי דעם פּלאַץ האָט זיך געטראָפען אַן עקסידענט, איין פויער האָט צוטראָטען אויף טויט אַ צווייטען פויער. מיט אַ פּאָר בלאָק ווייטער האָט אַ פויער ניט אראָפּגענומען דאָס היטעל פאַר׳ן קיסר, ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס דער פּאָליסמאַן האָט איהם עטליכע מאָל געוואָרענט. אויף די צוויי ערטער האָט זיך דער נאַראָד געשטופּט. ניקאָלאַי האָט געפרעגט וואָס איז דאָרט פארגעקומען, האָט מען איהם אלעס דערציילט. דער צאַר האָט געגעבען אַ פּריקאַז: דעם פויער, וועלכער האָט צוטראָטען אויף טויט דעם צווייטען, זאָל מען פארגעבען און ברייגגען צו איהם, ער וויל איהם אָנקוקען. דעם צווייטען פויער, וואָס האָט ניט אראָפּגענומען דאָס היטעל פאַר׳ן קיסר, זאָל מען אויפהייגגען. מען האָט גלייך אויסגעפילט דעם משפט פון קיסר.

איינער פון די מיניסטאָרען האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג אז עס האָט געדאַרפט זיין פארקערט דער משפט.

דער צאַר האָט געענטפערט: אז אין זייערע אויגען איז דאָס פארקערט, אָבער ניט אין מיינע. דער נאַראָד איז געשטאַנען מיט בלויזע קעפּ, מיט רעס־פּעקט פאַר׳ן קיסר און דער פויער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אראָפּנעמען זיין היטעל, בעת דער פּאָליסמאַן האָט איהם געוואָרענט עטליכע מאָל; איז ער דען ניט אַ מורד במלך, קומט איהם דען ניט מיתה? — דער צווייטער פויער, וואָס האָט צוטראָטען אויף טויט אַ צווייטען פויער, איז ניט שולדיג. דער נאַראָד איז געווען זעהר גרויס, דער פויער האָט געגאַרט זעהן דעם קיסר, ער האָט זיך מוסר נפש געווען. ער האָט געקלעטערט אויף ווענט, ער האָט זיך פארלאָרען, ניט דענקענדיג אז ער קען הרג׳ענען און גע׳הרג׳עט ווערען: אלעס איז פארגעקומען דורך ליבשאַפט צום קיסר, קומט איהם פאַר דעם קיין שטראָף ניט . . .

## דער בעל־קורא.

מען האָט אויפגענומען אַ נייעם בעל־קורא אין אַ שטאָדט, נאָך קריאת־התורה איז צוגעגאנגען דער רב צו איהם און געגעבען אַ ישר כח, באַמערקענ־דיג: — „ווערדליג אייער לייענען קען מען פארשטעהן אז איהר זענט געווען אַן אַפּטייקער.״

— דער בעל־קורא, פון וואַנען, רבי, נעמט איר דאָס ?

— דער רב: וויל איהר מאַכט אין קריאת־התורה נייע טראָפּען . . .

## דער פריזיוו.

צוויי זיהן אין איין יאָהר זיינען געשטאַנען צום פריזיוו. איינער איז גע־וועזן אַ שלימזל און ער איז געשטאַנען דריי יאָהר און מען האָט איהם אויס־בראַקירט און דעם לייטישען, צום ערשטען מאָל צוגענומען. זאָגט די מאַמע: איך וויל ניט דעם דראַפּעץ, האָסטו גענומען דעם בעזים, נעם דעם דראַפּעץ אויך צו.

## אליל—הזהב.

אין די אמאָליגע צייטען, אין דער אלטער היים, אין פוילען, אז אַ איד פלעגט האלטען לאַנד מיט אַ קרעטשמע ביי אַ פּריץ, פלעגט דער פּריץ אויס שפּאַס דערנידעריגען דעם אידען און אויף אלע מיאוסע אופנים זיך איזדיע־קעווען איבער איהם. ניט נאָר דער פּריץ אַליין אפילו זיינע נאָהענטע פלעגען אָנטאָן שרעקליכע צרות דעם אידען. מען דערצעהלט אז איינמאָל האָט אַן ארענדאַטאָר זעהר פיל געליטען פון אַ גלח פון יענעם געגענד. דער גלח איז געווען א צורר ליהודים. אַ פריינט צום פּריץ. איינמאָל פון אָוונד, אין אַ אקלטען ווינטער טאָג איז אריינגעפאָרען דער גלח מיט זיינע פריינט צו „מאָשקען״ אין קרעטשמע. דער איד האָט זיך דערשראָקען. דער גלח האָט איהם בארוהיגט און געזאָגט, אז זיי אלע זיינען פארפראָרען און טויט־הונגע־ריג, ער זאָל מאַכען פאַר זיי א סעודה כיד המלך... און וואָס מעהר ביער און בראַנפען... זיי וועלען זיין זיינע אורחים ביז מאָרגען פריה...

דער איד האָט אלעס אויסגעפאָלגט, ווי דער גלח האָט פארזאָגט; גע־געבען די בעסטע און די שעהנסטע מאכלים, אויך שטאַרקע וואָדקאַ האָט ניט געפעלט. דער גלח מיט זיינע פריינט האָבען זיך גוט אָנגעגעסען, אָנגע־שכורט זיך גוט, געהוליעט, געזונגען ביז שפּעט אין דער נאכט... אלע געסט זיינען געוועזן אין אַ גוטער שטימונג און קיין שלעכטס ניט געטאָן...

ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט דער ארענדאַטאָר ווייטער זיי באַדינט מיט יראת־הכבוד, געגעבען אַ גוטען אָנבייסען און שאַר־פע געטראַנקען האָט אויך ניט געפעלט... דער גלח האָט געפרעגט דעם ארענ־דאָר וואָס איהם קומט פאַר אלץ. נאָר דער איד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גע־צאָהלטס. דער גלח האָט איהם שטאַרק געבעטען נעהמען, נאָר ער האָט גאָר־נישט גענומען. זיי זיינען אוועקגעפאָהרען. דער ארענדאָר מיט זיין פרוי האָ־בען אָפּגעלעבט, ווען זיי זיינען פטור געוואָרען פון די געסט.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט די ארענדאַטאָרקע געריינעגט דאָס הויז און ווי איבעראַשט און צושראָקען זי איז געוואָרען, ווען זי האָט אונטער׳ן קישען פון גלח׳ס געלעגער געפונען אַ גאָלדענעם „געטעל״.

אַי, זאָגט זי צום מאַן, דאָס האָט דער גלח בכיון אונטערגעוואָרפען, כדי זיך צו בינדען און מאַכען א בלבול אויף אונז...

— ניין, זאָגט דער מאַן ווען ער וואָלט וועלען מאַכען א בלבול, וואָלט ער לאַנג ניט געוואַרט... ווי עס ווייזט אויס האָט ער דאָס פאַרגעסען — אָדער ער ווייס ניט וואו ער האָט דעם „געטעל׳׳ געלאָזען.

עס איז אַוועק איינגע מאָנאַטען דער גלח קומט ניט. האָט דער איד דעם געטעל צובראָכען, אראָפּגעבראָכען דעם קאָפּ, די הענטעלאך און די פיסעלאך, אוועקגעפירט די שטיקלאך אין א גרויסער שטאָדט און פאַרקויפט פאַר אַ גרויסער סומע געלט. פאר דאָס געלט האָט ער אויפגעבויעט אַ שעהנע הויז.

אין עטליכע יאָהר ארום האָט זיך דער גלח באַוויזען, וויל אריינקומען צו „מאָשקען׳׳, נאָר ניטאָ די הייזקע... ער פרעגט זיך נאָך, זאָגט מען איהם אַז „מאָשקע׳׳ איז רייך געוואָרען און ער האָט אויסגעבויט א נייע, שעהנע הויז... און אָט דאָ וואוינט ער...

דער גלח איז אריין צום אַרענדאַר און פריינדליך זיך באגריסט. געגעסען, געטרונקען, גע׳שכורט.... פאַרן אַוועקגעהן זאָגט צו איהם דער גלח:

— מאָשקע, מען זאָגט, אז דו ביזט רייך געוואָרען . . .

— יאָ, ענטפערט דער ארענדאַר, גאָט האָט מיר געהאָלפען.

— זאָג מיר, מאָשקע, זאָגט דער גלח, וועלכער גאָט האָט דיר געהאָלפען — מיינער צי דיינער ?

— געוויינלעך מוון גאָט האָט מיר געהאָלפען, ענטפערט דער איד.

צולאַכט זיך דער גלח און זאָגט:

— דו דינסט שוין דיין גאָט פילע יאָהרען און דו ביסט געוועזען אָרעם און זינט איך האָב איבערגעלאָזען מיין גאָט ביי דיר ביסטו רייך געוואָרען... איך האָב בכיון איבערגעלאָזען מיין גאָט ביי דיר אז ער זאָל דיר העלפען.

— דער אמת איז, גלח, זאָגט דער איד, אַז דיין גאָט האָט מיר געהאָלפען, נאָר דיין גאָט העלפט אַז מען צוברעכט איהם, אָבער ניט גאַנצערהייט. אָבער אונזער גאָט העלפט אַז מען גיסט אויס פאַר איהם דאָס האַרץ אין אַ שטילען געבעט, און מען צוברעכט ניט זיינע געבאָטען.

## דער האַלבער נביא.

אין תלנע איז געוועזן א האלבער נביא, ווייל ער האָט געוואוסט די נביאות וואו עס געפינט זיך די גנבות... דער תלנער רבי האָט אויך מורא געהאט פאַר איהם, האָט ער איהם אָנגעהויבען מקרב צו זיין און ער איז געווארען ביים רבי׳ן אַ חסיד. איינמאָל פרייטאָג צונאַכט האָט א אידינע געבענשט ליכט מיט כונה, צוגעמאכט די אויגען פעסט.... און ניט געפונען דערנאָך די לייכטער.

איהר מאַן איז געקומען צום תלנער און דערצעהלט די הפקרות...

דעם רבי׳ן האָט פאַרדראָסען די מעשה. רופט צו דער רבי דעם נביא און דערצעהלט איהם די מעשה און באמערקט אז נבלה עשה בישראל, אַזאַ מיאוסע פראָסטע ארבייט...

— רופט זיך אָפּ דער האלבער נביא: איך ווייס, רבי, דערפון גאָרנישט; אויב מיינע חסידים האָבען צוגענומען די לייכטער, בין איך אייך ערב אז מען וועט אָפּגעבען... נאָר טאָמער, רבי, האָבען צוגעלאַטכענט אייערע חסידים זיינען זיי געוויס פאַרפאַלען...

## דער משולח און דער בעל-אַכסניה

אַ משולח איז געקומען אין אַ שטעטעל, פרעגט ער דעם בעל־אכסניה צי עס איז דאָ ביי איהם כשר׳ע מילך, עס זאָל חו״ס ניט זיין אַ חשד פון חזיר־מילך. זאָגט איהם דער בעל־אכסניה: „איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען, ר׳ משולח, אונזערע בעלי־בתים לאָזען זיך ניט מעלקען״...

## דער משולח און זיין שרעק.

אַ משולח איז געגאַנגען אין גאַס און זעהט אַ געזעמעל פון מענטשען, פרעגט ער וואָס האָט זיך געטראָפען? — זאָגט מען איהם אז מען איז ארי־בערגעפאָהרען אַ קינד !

— אוי, אוי, איך האָב זיך דערשראָקען, איך האָב געמיינט אז עס איז אָנגעקומען נאָך אַ משולח . . .

## דער עוף און דער רבי דאָקטאָר.

א אידינע איז אריינגעגאַנגען צו אַ רעפאָרם רבי און פרעגט אַ שאלה אויף דער הוהן און רופט איהם רב׳ע.

— איך בין ניט קיין רבי נאָר אַ דאָקטאָר.

— אויב אַזוי, זאָגט די אידינע, איז די הוהן טרייף, ווארום זי איז טויט און קיין דאָקטאָר וועט איהר שוין ניט לעבעדיג מאַכען...

## חיים געווים ניט !

עס איז דאָ אַ שטעטעל מאַטעלע, וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ. די אידען פון שטעטעל פלעגען האַנדלען מיט די דייטשען. אריבער צו געהן דעם גרעניץ, פלעגט מען דאַרפען קויפען א „פעסעל״ פון דער פאָליציי פאַר 3 רובעל און עס איז גוט געווען פאַר 3 מאָנאַטען.

חיים דעם גוטען אידענס זוהן האָט וועגען אַ וויכטיגען אינטערעס גע־דאַרפט זיין אין דייטשלאַנד. אזוי ווי ער איז ניט געווען פון די סוחרים, וואָס פאָהרען אָפט קיין דייטשלאַנד, איז איהם געווען שווער צו באַצאָלען 3 רובעל פאַר איינמאָל אריבערצוגעהן דעם גרעניץ. האָט ער זיך געגעבען אַן עצה, אוועק צו זיינעם א פריינט און ביי איהם געליען זיין „פעסעל״.

דער פריינט האָט געהייסען שמעון, האָט ער איהם פארזאָגט: „אז מען וועט דיר פרעגען ווי דו הייסט, זאָלסטו זאָגען שמעון, ניט חיים". — איך וועל געדענקען, זאָגט חיים.

ווען חיים איז צוגעקומען צום גרענעץ האָט דער סאָלדאַט איהם אַ פרעג געטאָן: „ווער ביזטו?" איז חיים צוטומעלט געוואָרען און געענטפערט: „חיים געוויס ניט". . .

## אַ שמועס צווישען שעיה'ן מיט שמעיה'ן

שעיה: שלום עליכם, שמעיה, שוין אַ לאַנגע צייט זיך ניט געזען, ווי גייטס?

שמעיה: עליכם שלום, שעיה, עס גייט מיט די פוטער אראָפּ... אָט מ'סטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ נחת מ'קען שוין דערוואַרטען אין אַמעריטשקע, איין ווייב דאַכט זיך און דאָך אזוי פיל צרות...

שעיה: וואָס?... דיין אידינע איז זעהר אַ שטילע.

שמעיה: זי איז שטיל, ווען זי שלאָפט... גלייך ווי זי הויפט זיך אויף מאַכט זיך איהר מויל ניט צו, זי זאָגט אַז דער דאָלער האָט קיין שום ווערטה ניט אין מלחמה־צייט... ווייז איך איהר אַ לעבעדיגען דאָלער אז ס'איז דער זעלבער ווי פאַר דער מלחמה. זאָגט זי צו מיר, דעמפּול, מ'קען פאַר איהם גאַרנישט קויפען. —זאָג איך איהר, נאַרעלע, מ'קען קויפען אלעס פאַר איהם: ברויט, הערינג, ציבעלע, פאָטייטאָס...

שרייט זי אויס: אַנו, גיי קויף אַ ספּרינג, אַ אינדעטשקע.. פאַר'ן דאָלער? און רעכענט אויס צו אַלע שוואַרץ יאָהר, אַ גאַנצע רשימה!... שאַ! שאַ! דאָס איז נאָך גאָרנישט אַנטקיגען אַנדערע צרות וואָס איך האָב פון איהר. הער נאָר אויס, שעיה, זי זאָגט אז זי איז שוין ניט קיין גרינע, נאָר אַ מאָדערנע. זי פּרע־פעלט, שוין מיין יאַכנע־שרה לעבען, אויף איינגליש... און לעזט אַביסעל איינג־ליש... דאָס איז שולדיג איהר פעטער דער אפּיקורס, ער האָט איהר דאָס אלעס אויסגעקלערענט, דער ימח־שמה'ניק... ער האָט איהר אויך אָנגערעדט זיין מאָ־דערנע, זיך קליידען ווי אַ מאַנסביל... און איינמאָל זאָגט זי צו מיר: ווי געפעלט דיר, שמעיה, מיינע הויזען וואָס איך האָב אָנגעמאָסטען?... דו האָסט ווען עס איז, שעיה, געהערט אַזאַ חוצפה פון אַ ווייבעל?.. עס שטעהט דאָך בפירוש „לא תלבש בגדי גבר!"

שעיה: הער נאָר אויס, שמעיה, ווען מיר זאָלען די זאַך באַטראַכטען איז אַלע צרות, וואָס דו האָסט אויסגערעכענט וואָס דו שטעהסט זיך אויס פון דיין אידינע, איז גאָר קיין צרות ניט: למשל, אַ ספּרינג, אָדער א אינדעטשקע איז גאָר ניט שלעכט, אויב עס איז דאָ מיט וואָס צו קויפען... און אַז דיין יאַכנע לערענט איינגליש, איז דאָס אויך קיין עבירה ניט. אַלאַ מאַי זי האָט אָנגעמאָס־טען מאַנסבילשע הויזען, איז דאָס אויך ניט קיין צרה; דער אומגליק און די צרה איז נאָר דאַן ווען די אידינע טראָגט די הויזען... והוא ימשל בך — (הכל ממנו ולא ממך, רש"י) — ער, דער מאַן זאָל געוועלטיגען איבער איהר, מאַכט רש"י, זי זאָל די הויזען ניט טראָגען...

(החלק השני יהיה נדפת בקרוב).